ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# גדולת
# החתם סופר

אידיש

**634**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# גדולת החתם סופר

אין דיזען ספר ווערט ערציילט די ווינדערליכע זאכען וואס עס האט זיך פאסירט מיט דעם גרויסען וועלט בערימטען גאון ר' משה סופר זצללה"ה.

דער מחבר פון בעוויסטען ספר „החתם סופר":

ווארשא

שנת תר"צ לפ"ק

# גדולת החתם סופר

## ווֶעגֶן אוּנְדֶער װוּנְדֶערְלִיכֶע עֶרְצֶעהְלוּנג פוּן דֶעם רֶבִּין ר׳ משה׳לע לעלובער זכרונו לברכה:

דער הייליגער צדיק רבי ר׳ משה׳לע לעלובער זכרונו לברכה האט באַשלאָסען אויף זיין עלטער צו פאָהרען קיין ארץ ישראל ער האט געזאָגט דאָס מען האט איהם מגלה גיוועזען פון הימעל דאָס ער זאָל פאָהרען קיין ארץ ישראל און אויב ער וועט דאָרט מאַכען די תיקונים וואָס ער דאַרף וועט זיין מיט השי״ת הילף די גאולה שלימה. אין דערובּער האט אין איהם גיפלאַקערט אַ הייליג פייער און ער האט מרעיש עולמות גיוועזען ביי יעדען תורה וואָס ער האט שבת געזאָגט ביים טיש דאָס די גאַנצע עבודה פון מענטש דאַרף זיין ער זאָל זוכה זיין צו קדושת ארץ ישראל. ער האט אויך געזאָגט אַז אויב עס וועט זיין מן השמים און ער וועט זוכה זיין צו זיין אין ארץ ישראל אַ גיהעריגע צייט וועט זיכער מיט השי״ת הילף זיין ביאת הגואל צדק. ליידער האט ער צום גרויס באַדויערען נישט גילעבט אַפילו קיין דריי חדשים. און נאָך אין זיין אין זעכציגסטען טאָג צו זיין באַזעצען זיך אין דעם הייליגען לאַנד האט ער אויסגיהויכט זיין הייליגע נשמה און האט אונז איבער געלאָזט אין דעם ביטערען גלות. צו גרייטענדיג זיך צו זיין דאָזיגער נסיעה איז ער גיוועזען ביי דעם גרויסען און צדיק דער באַוואָסטער קדוש עליון וועלכען אַפילו ווען ער איז נאָך אַלעס חסיד געפאָרען צום הייליגען רבין ר׳ יחזקאל׳ע קאָזמירער זכרונו לברכה. האט איהם דער רבי נעהייסען אָבגעגעבען קויטלען אין ער האט שון דאַמאָלסט באַוויזען גרויסע מופתים. דער גרויסער גאון ר׳ שלמה׳לע דאַדאָמסקער זכרונו לברכה אָדער ווי ער איז באַוואָסט איבעראַל איז דער חסידישער אין לומדישער וועלט מיט׳ן נאָמען תפארת שלמה. נאָך דעם באַרוהמטען אין טיעפזיניגען חסידישען ספר וועלכעס ער האט מחבר גיוועזען אין ער האט איהם גיפרעגט זיין עצה וועגען דער נסיעה וואָס ער וויל אינטערנעמען. אין ווי דער תפארת שלמה האט איהם דרויף מסכים גיוועזען האט ער איהם גיבעטען דאָס ער זאָל איהם צו העלפען מאַכען אויף הוצאות. דער תפארת שלמה האט

איהם

איהם דאָס אויך צוליב געטהון אין עֶר האָט איהם תיכף גיגעבען אשעהנע נדבה פון זיין קעשינגע ווי אויך אין דער שטאָדט האָט ער איהם געשאַפט אַ געהעריגע סומע. זאָגענדיג דאָס יעֶדערער וועלכער האָט נאָר אויף זיך דעם נאָמען יוד איז מחויב צו שטייער געבין צו דעם רבין ר׳ משה׳לעס הוצאה ווייל אויב עֶר וועט טרעפען אַנ׳עת רצון איז מיגליך דאָס ער זאָל פועל זיין אַ ישועה פאַר׳ן כלל ישראל. דער רבי ר׳ משה׳לעֶ האָט שבת געהאַלטען אין ראַדאָמסק אין דעֶר תפארת שלמה האָט איהם גרויס כבוד אָבגעֶטיילט אַזוי ווי די אמת׳דיגע צדיקים זעהן יעדערער נאָר די מעלות פון זיין חבר. נאָך שבת איז דער רבי ר׳ משה׳לע אריין געגאַנגען צום תפארת שלמה זיך גיזעגינען אין איהם גיגעבען אַבריף צו זיינע הסידים וועלכע זענען גיוועזען גרויסע גבירים דאָס זיי זאָלען איהם מהנה זיין כפי יכולתם עֶר זאָל נישט דאַרפען לאנג אַרומצופאָהרען כדי צו האָבען די מיגליכקייטען ווי אַמשנעֶלסטען אָב צו פאָהרען. ווי עֶרשטוינט איז ער געוואָרען הערענדיג דעם תפארת שלמה׳ס קאַטעגאָרישען אָבזאָג דאָס ער וויל נישט אין וועט בשום אופן נישט געֶבען קיין בריף עֶר האָט איהם גיפרעֶגט פאַרוואָס עֶר וויל איהם יעֶצט קיין טובה נישט טהון. דער תפארת שלמה האָט איהם אָבעֶר מיט אַלייכט שמייכעל גיעֶנטפערט אדרבה איך וויל אייך די גרעסטע טובה טהון נאָר אַזוי ווי איך האָב געמיינטד אָס איך וועל אייך ביי מיר אין שטאָדט קענען שאַפען די גאַנצע סומע אין אז איך האָב גיזעהן דאָס איך האָב נישט געשאַפט האָב איך גירעכינט אז די סיבה דערפון איז ווייל איך בין אַזוי אַפחות דאָס מעֶן וויל נישט געבען דורך מיין האַנד דרובער וואָס זאָל איך נאָך אין אנדרעֶ ערטער אויך מאַכען אַ שאָדען מיט מיין בריף. דעֶר רבי ר׳ משה׳לע איז שטאַרק נתפעל געוואָרען פון דעֶם דאָזיגען עֶנטפעֶר. הערענדיג דאָס גרויסע עניוות פון דעֶם צדיק, אין ער האָט איהם באַרוהיגט דאָס עֶס איז נישט חלילה דורך דעם וואָס ער איז געגאַנגען אדרבה ווען ער זאָל נישט גיוועזען אַליין גייען וואָלטען אנדערע אפילו אַזוי פיהל אויך נישט גיוועזען געֶקאָנט שאַפען. נאָר פשוט דער בעל דבר לאָזט נישט אויף עפיס אַרעכטען דבר טוב געבען. אַזוי ווי ירמי׳ הנביא האָט געזאָגט. „הכשילים בבני אָדם שאינם מהוגנים” אַז אַפילו ווען זיי וועלען שוין יאָה געבען צדקה זאָלען זיי נישט זוכה זיין צו געבען אויף קיין ריכטיגען צוועק. אין דעם רבינ׳ס בריף וועט איהם אויפטהון דאָס מען וועט איהם געֶבעֶר מקרב זיין אין געבען שעֶהנע נדבות:

אויב אַזוי האָט זיך דעֶר תפארת שלמה אָנגערופען וועל איך זעלבסט זיין

זיין דער בריף אין איך .בין גרייט מיט וואך צו פארען ווי איהר וועט נאר פערלאנגען. ווייל ער איז גיוועזען דער גרויסער איש האמת אין ער האט איינמאהל געזאגט דאס ער וועט איהם נישט געבען קיין בריף האט ער בעסער באשלאסען זיך צו פלאגען אין מיט פאהרען מיט דעם רבין ר׳ משה׳לע איידער זיינע ווערטער זאלען בלייבען אליגענט. דער ערשטער ארויספאהר זייערער איז גיוועזען אין קיעלצער וואיעוואד־סטווע, אין די ערשטע שטאדט איז גיוועזען לאפאשנע ווייל דארט זענען גיוועזען אסאך ראדאמסקער אין לעלובער חסידים גבירושע מענטשען. ווי עס איז באוואבט גיווארען אין דעם שטעדטעל אז די צוויי גרויסע צדיקים זענען אנגעקומען האט זיך באלד פערזאמעלט דאס גאנצע יודישע באפעלקערונג מקבל פנים צו זיין די צדיקים. עס איז אויך געקומען די אלע גרויסע לומדים פון שטעטעל בראש פון וועלכע עס איז גיוועזען דער רב אין די צוויי שוחטים. וועלכע האבען גיברענגט זייערע חלפים צו ווייזען די גרויסע גאונים אין צדיקים אזוי ווי דער מנהג איז בכל תפוצות ישראל אז ווען עס קומט אגאון אדער א רבי אין א שטאדט אריין ברענגען איהם די ארטיגע שוחטים זייערע חלפים צו באקיקען. דער רבי ר׳ משה׳לע נישט זייענדיג קיין שטאד׳ס רב האט איבער גיגעבען די חלפים צו דעם תפארת שלמה זאגענדיג צו איהם ראדאמסקער רב נעמט די חלפים און זייט זיי בודק דער תפארת שלמה האט גענומען אין בודק גיוועזען די חלפים זענען זיי איהם זייער גיפעלען. ווייל אויסער דעם וואס די שוחטים זענען גיוועזען גרויסע בריות אין זייער אומנות אין האבען דאס גשמיות פון חלף זייער גיט אב גיארבייט זענען זיי אויך גיוועזען גרויסע לומדים אין אמת׳דיגע יראי שמים דאס זיי האבען נישט גישטעלט קיין חלף מיט קיין וואסער נאר מיט זידיגע טרערען פון טיעפעניש פון זייערע הערצער דאס השי״ת זאל אבהיטען עס זאל חלילה קיין מכשול דורך זיי נישט ארויסקומען. דער תפארת שלמה האט זיך שוין נישט גיקענט איינהאלטען אין ער איז צו געלאפען צום רבין ר׳ משה׳לע אין געזאגט לעלובער רבי זעהט נאר די ווינדערליכע גוטע חלפים איך האב נאך ביי מיין לעבען נישט גיזעהן קיין זעליכע גוטע חלפים לויט ווי מיר זעהט אויס וואלט איושר גיוועזען אז דורך אזעליכע גוטע חלפים זאל קיין טריפה נישט אדורך גיין. וואס זאגט איהר. דער רבי ר׳ משה׳לע האט גענומען די חלפים אין דער האגד אריין אין זיי גוט אנגעקוקט אין אויך זיך זייער שטארק פארווינדערט. אין אויסגערופען גירעכט. אודאי וואלט גלייך גיוועזען אז פון אזעליכע ווינדערליכע גוטע חלפים

זאל

זאָל קיין שום טריפה נישט אדורך גיין. אין דערנאָך האָט ער צוריק גיגעבען די שוחטים זייערע חלפים און זיי זענען אוועק געגאנגען. די צדיקים האָבען זיך ערלעדיגט און זענען אוועק געפאָרען. אָבער אווינדער איז גישעהן נעמליך פון דאַמאָלסט אָהן וואָס די צדיקים האָבען אָהנגעקוקט די חלפים. האָט זיך נישט געטראָפען קיין שום טריפה. עס איז אַז אַזוי אַרויבער געלאָפען אוואָך צוויי און דריי. און אַחודש. און צוויי חדשים און אַהאַלב יאָהר. עס האָט זיך אַפילו קיין איינמאָהל נישט געטראָפען קיין שום טריפות. די שוחטים האָבען זיך פשוט שוין גישעהמט מאַר די קצבים ווייל אַזוי אַזאַך איז נאָך נישט פאָרגעקומען די גאַנצע צייט וואָס זיי זענען גיוועזען שוחטים אַז אַהאַלב יאָהר דורך'אנאנד זאָל קיין שום טריפות נישט טרעפען. בקיצור די שוחטים און די קצבים האָבען גיט חוקר ודורש גיוועזען די סיבה פון דער זאַך האָבען זיי דאָס פשוט פערשטאַנען אַז מן השמים היט מען אָב דאָס עס זאָל קיין טרפה'נע בהמה נישט קומען אין דער שטאָט אַריין ווייל זיי האָבען גיזעהן אַווינדערליכע זאַך דאָס איינמאָהל האָט אַקצב געקויפט אבהמה און ער האָט זי געוואָלט אַראָב פוהרען אין שעכט יאַטקע אַריין אָבער אויפ'ן וועג האָט זיך די בהמה אויסגעריסען און איז צוריק זייער שנעל אַנטלאָפען דער קצב האָט זי נאָך געיאָגט. אָבער ער האָט זי בשום אופן נישט גיקענט האַפען. זי איז אַנטלאָפען צוריק צו דעם פויער אין דאָרף אַריין אָבער נישט אהיים נאָר אין דעם וועלדעל לעבען דעם דאָרף. דער קצב האָט זיך איבער גירעכינט ער וועט זי יאָגען אין וואַלד קען זיך נאָך טרעפען זי זאָל זיך אָנשלאָגען און אבוים אין צו ברעכען א פיס דרובער איז ער געגאַנגען צו דעם פויער וואָס ער האָט ביי איהם געקויפט די בהמה און איהם דערציילט זיין אומגליק דאָס די בהמה וועלכע ער האָט ביי איהם מיט עטליכע טעג פרוהער געקויפט איז איהם אין מיטען וועג אַנטלאָפען און ער האָט זי געיאָגט ביז אין דאָרף אַריין אָבער דאָ האָט זי זיך אויסגעדרייט און אַריין געלאָפען אין דעם נאָנהטען וועלדעל. דערובער בעט ער איהם מסתמא וועט דאָך די בהמה ביינאַכט צוריק קומען צו איהם אין שטאַל אַריין ווי איהר געוואָהנהייט זאָל ער זי איהם צוריק אָב ברענגען און ער וועט איהם דערפאַר באַפרידיגען:

**כֵן הָוָה** עס איז טאַקע אַזוי גיוועזען די בהמה איז ביי נאַכט צוריק אריין געקומען צו איהר אַלטען בעל הבית דאָס הייסט אין דעם פויערס שטאַל אַריין. אָבער פלוצלינג האָט זיך גיהערט אַ פיהר אָבשטעלען און עס זענען געקומען פון אַצווייטע שטאָט קצבים וועלכע

זענען

זענען אויך גיוועזען גוט בעקאנט מיט דעם פויער אין זייא האבען
איהם געזאגט דאס זיי דארפען נייטיג אפעטע בהמה צו דער מארגענדי-
גער שחיטה אין זיי זענען גרייט איהם צו באצאהלען וויפיעל ער וויל ער
זאל זיי געבען די בעסטע בהמה וואס ער האט. דער פויער האט זיך איבער
גירעכינט די קצבים זאגען דאך אז זיי וועלען תיכף מארגען שעכטען.
אין דער יודישער קצב פון לאפאשנא האט דאך איהם די בהמה נישט
איבער גיגעבען צו דער האנד נאר גיבעטען אז זי וועט צוריק קומען
פון וואלד צו איהם אין שטאל אריין זאל ער זי איהם צוריק ברענגען.
ווער זשע וועט איהם אב לייקענען אז ער וועט זאגען דאס די בהמה איז
גאר נישט צוריק געקומען. אין ער וועט זי פארקויפען צו די קצבים
וועלכע ווילען פאר איהר גוט בעצאהלען און באלד מארגען שעכטען
וועט דאך גאהר פון איהר אפילו קיין זכר נישט בלייבען. אלזא ער האט
אריין געפיהרט די סוחרים אין שטאל אריין אין זיי אנגעוויזען אויף דער
דער בהמה די בהמה איז טאקע גיוועזען זייער פעט זענען די קצבים
באלד בעשטאנען אויף דער פרייז וואס דער פויער האט זיי געזאגט.
אין געזאגט האט ער זייא טאפעל ווי ער האט גענומען ביי דעם לוי-
פאשנאר קצב. אבער ווי איינער פון די קצבים האט אביסעל נאהנטער
בעטראכט די בהמה האט ער גיזעהן אז זיא איז זייער דעשויצט אין
ציטערט אינגאנצען ווייל דער ליפאשנער האט דאך זי אגאנצען טאג
געיאגט. דער קצב וועלכער האט אבער פון דער גאנצער מעשה נישט
געוואסט האט ער געמיינט אז די בהמה איז חולה דרובער האט ער צו
גערופען דעם פויער אין איהם דאס געוויזען. אין צו איהם געזאגט אזוי
ווי מיר האבען דיר גיגעבען פאר דער בהמה וויפיעל די האסט געוואלט
און אצינד זעהט מיר אויס אז די בהמה איז חולה. דער פויער האט
פון איהם געלאכט אין געזאגט די בהמה איז פאלקאם געזונד. אין אויב
עס וועט זיך טרעפען אז די בהמה וועט טריפה ווערען איז ער גרייט
זיי אב צו געבען זייער געלט. אזוי איז צווישען זיי געבליבען. די קצבים
האבען דעם פויער בעצאהלט אין זיי זענען זיך אהיים געפארען אין
טאקע זייערע ווערטער געהאלטען אין דאס תיכף צו מארגענס
האבין זיי די בהמה געשאכטען. אבער ווי פארווינדערט זענען זיי געווארען
הערענדיג פון דעם שוחט אז די בהמה איז טרפה. זיי האבען באלד
איינגעשפאנט דעם וואגען אין זענען צוריק געפאהרען אין דעם דארף
צו דעם פויער אין פון איהם געפאדערט צוריק דאס געלט וואס זיי
האבען איהם גיגעבען פאר דער בהמה אזוי ווי זיי האבען זיך מיט

איהם

איהם פרוהער אויסגענומען. ווי גיוועהליך האט זיך דער פויער משמיט גיוועזען, מיט כל מיני תירוצים ווייל עס גליסט זיך דען צוריק צו געבען געלט פאר סחורה. אזוי ווי זיי האבען זיך דאה געאמפערט מיט דעם פויער. איז אנגעקומען צו פארען דער לאפאשנער קצב און גיפרעגט דעם פויער וואס עס איז געווארען דער סוף מיט זיין בהמה צו איז זי צוריק געקומען און שטאל אריין. זעלבסט פערשטענדליך דאס דער פויער וועלכער האט שוין די בהמה געהאט פארקויפט האט געפרובט אב צו לייקענען אז די בהמה איז נישט צוריק געקומען אבער ווייל ער איז אביסעל צו טומעלט געווארען פון די קצבים'ס טענה ער זאל זיי צוריק געבען דאס געלט. וואס זיי האבען איהם גיגעבען. האט ער אביסעל געשטאמעלט און וועלכען דער לאפאשנער קצב האט באלד איינגיזעהן אז דער פויער נארט איהם אב דערווייל איז ער ארויס געגאנגען צו די שטאלען אכטונג געבען אפשר איז די בהמה דאה אין שטאל האט ער באמערקט אז די בהמה ליגט א געשחטינע אויף די קצבים'ס פיהר. איז ער אריין געגאנגען אין האט דעם פויער אנגעהויבען צו זידלען פאר וואס ער האט זיין בהמה פארקויפט אין איהם געסטראשעט דאס ער וועט איהם איבער געבען צו דער פאליציי. ווייל ער האט איהם באשווינדעלט די זעלבע בהמה וואס ער האט איהם פארקויפט אין גענומען געלט האט ער נאך אמאהל די קצבים פארקויפט אין גענומען געלט. דער פויער האט זיך איבער געשראקען אין זיי ביידע אבגיגעבען דאס גאנצע געלט. אין דעם האבען די לאפאשנער איינגיזעהן אז פון הימעל איז מען מסבב סיבות דאס עס זאל נישט קומען אין זייער שעכט יאטקע אריין קיין שום טרפה'נע בהמה עס האט אזוי אבגעדארט אגאנץ יאר פון דעם טאג אהן וואס די צדיקים האבען גיזעהן די חלפים אין עס איז קיין שום טרפה נישט פאהר געקומען אין יאטקע. הערשט נאך דעם יאהר אז די זאך צוריק געווארען ווי פון אייביג אויף. דאמאלסט האבען הערשט אלע באוואונדערט דעם גרויסען כח פון די צוויי צדיקים דאס מיט זייער בלויזע רייד האבען זיי אריין גיגעבען אזוי א קדושה אין די חלפים דאס זיי האבען נישט צו געלאזט עס זאל צו זיי אין יאטקע אריין קומען א בהמה וואס וועט טריפה ווערען. דער זכות פון די הייליגע צדיקים זאל אונז ביי שטיין מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען און זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם גרויסען גאון און צדיק ר׳ משה סופר זכרונו לברכה:

דער גרויסער איבעראל געאכטער גאון און צדיק ר׳ משה סופר זכרונו לברכה וואס ער איז בעוואסט אין דער לומדישער וועלט מיט׳ן נאמען חתם סופר נאך זיין טיעפזיניגען חיבור שאלות ותשובות חתם סופר. אין וועלכען עס קומען פאר די שווערסטע חלכה פראבלעמען וואס די גדולים און גאונים פון יענעם דור זענען דערונען מסופק גיוועזען האבען זיי זיך צו איהם געווענדעט אלעס גרעסטער תורה אויטאריטעט און זיין ווארט איז מאס געבנד גיוועזען איבעראל. אויך ווערט דארט גיברענגט פיהל מאטעמאטישע אויפגאבען וועלכע די גרויסע לייט האבען זיך צו איהם געוואנדען אין הלכות פון קידוש החודש. ביי וועלכע עס ווערט פאר אונז אנטפלעקט דער גרויסער תורה אויטאריטעט אויך אלעס גרויסער גילעהרטער אין די פארשידענע וועלטליכע וויסענשאפען ווי ער וואלט זיי שטודירט אין אוניווערזיטעט. פיהל גרויסע פראפעסארען וועלכע האבען גיהערט זיין מיינונג אין מאטעמאטיקע. פיזיקע. אסטרונומיא. פילאלגיע. אנאטאמיע. האבען זיך פשוט פערווינדערט ווי עס נעמט זיך צו אמענטש וועלכער האט קיינמאהל קיין אוניווערזיטעט נישט בעזוכט זאל אזוי גרינגליך וויסען יעדען חכמה מיט אלע איינצעלהייטען. און דערובער איז ער זייער געאכטעט גיוועזען אויך ביי נישט יודען. און ווען עס איז פאר געקומען די קרונאציע פון דעם עסטרייכישען קייזער און דער גרויסער גאון דער חתם סופר איז דאמאלסט גיוועזען אלעס פארשטעהר פון דער פרעשבורגער יודישער געמיינדע האט מען איהם דארט צווישען די שרי מלוכה גרויס כבוד אבגיגעבען. און ווען זיי זענען זיך צופארען האבען זיי געמאכט אנ׳אבשייד אווענט אויף וועלכען יעדען איינער האט זיך בארומט מיט דעם וואס ער האט גיזעהן בשעת דער קרוינאציע. האט זיך דער גרעסטער פון זיי אנגערופען איך האב גיזעהן אזעלכעס וואס איהר האט קיין גלייכען דערפון נישט גיזעהן. נעמליך דעם פרעסבורגער גרויס ראבינער וועלכער איז קלוג. געבילדעט. בראוו אזעלכע מענער פערמאגט די וועלט גאנץ ווייניג אבער ער זעלבסט. דאס הייסט דער הייליגער חתם סופר האט פון זיך גאר נישט געמאכט ער האט זיך מיט זיינע מעלות שטארק פארהאלטען ריכטענדיג זיך לויט דעם פסק פון שולחן ערוך אז די גלייכסטע הנהגה פאר דעם מענטש איז והצנע לכת די

זאלסט

זאָלסט זיין באהאַלטען אין דיינע גוטע מעשים נישט מפרסם זיין דורך דעם די [illegible] צו פאַרשאַפען. את ה׳ אלקיך. אין אפילו דאָס הייליגקייט פון אייבערשטען רוהט אויף דיר. אין די קענסט טהון אלעס וואָס די ווילסט מיט דעם כח פון שמות הקדושים וועלכע די האָסט גילערנט זאָלסטו דאָס נישט ווען באַנוצע. אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאָגען דאָך אָבער. כל הלומדת תורה בסתר. דער וואָס לערנט תורה אפילו פערבאָרגען. מכריזין עליו בגלוי רופט מען אויס אויף איהם אין פון הימעל טיילט מען איהם צו כבוד. אין אזוי איז אויך גישעהן מיט דעם הייליגען חתם סופר דאָס אָבוואָהל ער האָט זיך באהאַלטען מיט זיין גרויס הייליגקייט אין חכמת הקבלה. אין מיט זיין גרויס קענטעניס אויף אלע געביטען דאָך איז די וועלט דערפון געוואָהר געוואָרען אין פיהל מאָהל האָט מען זיך צו איהם געוואָנדען אין אזעלכע פאַלען וועלכעס מען האָט געמוזט דערצו באַנוצען קבלה מעשיות. דאָס הייסט צו בעוויזען אומנאַטירליכע זאַכען דורך דעם אַרויס זאָגען פארשידענע שמות הקדושים דערמיט אַרויס צו העלפין די פאַראומגליקטע פון פאַרברעכישע הענד. צו דורך כישוף. צו דורך רוחות רעות. אָדער דיבוקים ר״ל. אָבער דורך זיין זַגניוות׳דיגקייט אין זיין הייליגקייט האָט ער זיי נישט געוואָלט הערזן. אדרבא ער האָט אפילו נישט געהאַלטען דערפון וואָס אַנדערע האָבען זיך יאָה דערמיט באַנוצט בכלל האָט ער פיינד גיהאַט אַזעלכעס צו טהון אין דעם וואָס מען טהוט אַזעלכע זאַכען וואָס פאַר ווינדען די מענטשהייט :

פונדעסטוועגען נישט אַלע מאָהל האָט ער זיך גיקענט אַרויסדרייען פון זיינע מקורבים אין זיין הייליגע חכמה. נישט צו באַנוצען. מיר וועלען דאָה ברענגען עטליכע פון די פיהל פאַלען וועלכע עס איז זיינע מקורבים יאָה געלונגען ביי איהם צו בויעלען ער זאָל עפיס טהון מיט זיין גרויסער אין הייליגער חכמה אום צו לינדערען די אומגליקען פון מענטשען. די מעשה איז אזוי גיוועזין אין פרעסבורג אין דער יודען גאַס איז גיוועזען אַגרויסער הויף וועלכען מען האָט גערופען מיט׳ן נאָמען נעסטער-הויז. דאָרט האָט געוואָהנט א פרוי מיט׳ן נאָמען לאה. זי איז יונגערהייט שוין געניים געוואָרען צו טראָגען אויף זיך די שווערע פרנסה לאַסט. ווייל זי האָט נישט געוואָלט נעמען קיין מאַן נאָר אַגרויסען תלמיד חכם אין אזוי ווי איהרע עלטערען זענען נישט רייך גיוועזען אום זיי זאָלען איהר קענען אויפציילען א גרויסען נדן דרובער האָט זי זיך אליין גענומען האַנדלען זי זאָל זיך קענען פאַרדינען אַגעהעריגע

א געהעריגע סומע דורך וועלכער זי זאל קענען קומען צו אזוי א שידוך ווי איהר הארץ גליסט. זי האט זייער ערליך געהאנדעלט און אלע וואס זי האט ביי זיי געקויפט אדער זיי האבען ביי איהר געקויפט האבען זי זייער ליעב געהאט פאר איהר בעשיידענקייט אין ערליכען ווארט אין זיי האבען געדען מיט איהר געוואלט האנדלען אפילו צו געבין איהר עפיס טייערער ווי א צווייטע הענדלערקע. אין די סוחרים ביים פארקויפען איהר האבען איהר אויך געמאכט אויסנאהם פרייזען. אזוי ארום האט זי זיך דורך אקליינע צייטערוואָרבען א היבשע סומע געלט ווי אויף א גוטען נאמען וועלכער איז זעהר נויטיג צו א שידוך. מען האט איהר אויך צו געלאזט פארשידענע פריוויליגיעס מיט וועלכען די יודישע געמיינדע איז בעשאנקען געוועזען. צום ביישפיעל דעם מסחר פון ליכט אין הייווין און דעטייל האט מען אויטשליסליך איהר איבער גיגעבין. מען האט איהר אנגעהויבען צו רעדען פארשידענע שידוכים די גרעסטע גבירישע קינדער וואלטען זיך גישעצט גליקליך זיי זאלען זי באקומען אלעס פרוי ווייל זי איז גיוועזען זייער בעשמ׳ט אין דער גאנצער שטאדט אין איז טאקע אויך גיוועזען קלוג. שעהן. און געבילדעטע. אבער זי האט די פיעל פארשידענע שידוכים אפילו נישט גענומען און אכט. זי האט נישט גע-לאקט די גרויסע גליקען וועלכע די שדכנים האבען איהר פארגעלייגט דאס זי וועט האבען ביי די גבירה׳שע שידוכים. ווייל איהר גליק האט זי נאר געהאלטען צו האבען אמאן א גרויסען תלמוד חכם וועלכער זאל אירע קינדער ערציהען און יודישען תורה גייסט דאס איז איהר גאנץ האפנונג גיוועזען און ביי דעם האט זי זיך געהאלטען. אבוואהל איהרע עלטערען האבען איהר נישט איינמאהל פעראיבעל געהאט וואס זי טרייבט פון זיך אוועק דאס גליק מיט אירע אייגענע הענד. האט זי זיי אבער גיענטפערט אז נישט צו ליעב דעם האט זי איהרע יונגע כחות אוועק גיגעבען דאס זי זאל באקומען ערדישע גליק דאס האט זי געקאנט קרוגען אפילו נישט האבענדיג מעהר ווי דעם קארגען נדן וואס איהרע עלטערען וואלטען איהר גיגעבען. אויב עס איז איהר אנגעשריבען פון הימעל צו זיין א גבירטע וואלט זי דאס גליק נאך דער חתונה אויך געקאנט אבזיכען. אלא אויב עס איז איהר נישט בעשערט צו זיין קיין גביר׳טע חלילה וועט זי אפילו ביי די גביר׳שטע שידוכים אויך נישט גליקען. אין דרובער איז בייא איהר בעשלאסען נישט צו נעמען קיין גביר׳שען התן נאר א גרויסען למדן מעג ער זיין אפילו אנ׳ארימער בחור ווייל זי האט ב״ה גענוג געלט און א גוטען נאמען ביי די סוחרים וועט

זי

די קענען זעלבסט-שטענדיג ווייטער פוהרען דעם מסחר און איהר מאן זאל זיצען יומם ולילה אין לערנען. איהרע עלטערען זייענדיג גאנץ ערליכע פרומע לייט האבען זיך געגען איהר ווילען נישט געוואגט אנטקעגען צו שטעלען. ווייל דער אמת איז זי דאך פאלקאם גירעכט. האבען זיי מעהר נישט גיקענט ווי איהר צו ווינטשען דאס השי"ת זאל זעהן איהר גוטע כוונה און זאל איהר צו שיקען איהר רעכטען זיווג אזעלכען אזוי ווי זי וויל. דערווייל זענען איהרע ווערטער איבער גיגעבען געווארען פון מויהל צו מויהל און יעדערער האט באווינדערט איהר ערינסקייט. ביז די זאך איז אויך אנגעקומען צום שטאט'ס רב דער חתם סופר וועלכער האט גלייכצייטיג אויך אנגעפיהרט א גרויסע ישיבה. ער האט זיך דערמיט פעראינטערעסירט און האט אויסגעקליבען איינעם פון די בעסטע ישיבה בחורים אין האט איהם פארגעלייגט דעם שידוך מיט דעם מערקווירדיגען מיידיל אין דערביי באמערקט דעם תלמיד אז זי איז זיין אמת'ער זיווג מן השמים:

דער תלמיד וועלכער האט געגלייבט אין זיין רבין אזוי ווי אין א מלאך פון הימעל האט תיכף דרויף איינגעשטימט. אלזא האט דער חתם סופר געשיקט דעם שדכן ער זאל גיין צו די עלטערען פון דעם מיידעל אין זיי פארשלאגען דעם שידוך מיט דעם בעסטען ישיבה בחור. דאס מיידיל וויא זי האט נאר דערהערט אז ער איז דער בעסטער ישיבה בחור האט זי גאר נישט גיקלערט נאר תיכף געהייסען דעם שדכן צוריק גיין אין פרעגען ווען מען זאל זיך צו גרייטען אויף תנאים דער שדכן איז זייער פריילעך געווארען ווייל זינט. א צייט ווען אנדערע מענטשען האבען דעם מיידיל אנגעשלאגען די בעסטע שידוכים אין זי האט אלעס צו נישט געמאכט אין דאה איז איהם אנגעקומען אזוי גרינג און ביידע צדדים. ער איז גלייך ארובער געגאנגען צום רב דער חתם סופר אין איהם גיברענגט די גוטע בשורה אז דאס מיידעל איז איינשטימיג אויף דעם שידוך. אלזא האט מען אבגעשמיעסט א זמן ווען מען וועט זיך צו זאמען קומען אויף תנאים. אין מען האט געפייערט תנאים זייער פריילעך. דער חתן האט געזאגט א דרוש א פאפולערער וואס האט זייער אויסגענומען ביי אלע אנוועזענדע. די כלה האט געשטראהלט פאר פרייד וואס ענדליך האט דער איבערשטער איהר גיגעבען אזוי א חתן ווי זיא האט פערלאנגט. די חתונה האט מען אבגעלייגט אויף א קורצע צייט. אין תיכף נאך די תנאים האט די כלה ארובער געשיקט שניידערעס צו דעם חתן מען זאל איהם מאכען די בעסטע אין שענסטע מלבושים אזוי ווי עס גיהער צו א תלמיד חכם

חכם, אין זי האט זיך אויף באלד גיגעבען צו נייען חתונה מלבושים אין צו דער באשטומטער צייט אין געפייערט געווארען די חתונה מיט גרויס פאראד עס זענען אנוועזנד אלע שענסטע לייט פון דער שטאדט פיעל פון די בעסטע פרעסבורגער ישיבה בחורים אין זייער רבי דער גרויסער גאון ר' משה סופר איז אויך אויף דער חתונה גיוועזען אלע גרעסטע גבירים זענען געקומען אויף דער חתונה אין האבען זיך געווינטשען צו דערלעבין אזוי א חתן צו נעמען פאר זייערע טעכטער. די כלה האט זיך זייער גיפרייד וואס השי"ת האט איהר געהאלפען אזוי ווי זי האט געוואלט אין זי האט אין דעם מאן שטארק נוהג כבוד גיוועזען ער איז גיזעסען יומם ולילה אין ער האט זייער שטארק מצליח גיוועזען אין לערנען עס האבען זיך צו איהם מתחבר גיוועזען פיעל גוטע בחורים אין ער האט געפיהרט אגרויסע ישיבה. זי ווייטער האט געפיהרט דעם האנדעל אזוי ווי פריהער אבער מיט מעהר הצלחה אין איהר מאנס זכות וואס ער איז גיזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה האט זי אין דעם מסחר גהאט גרויס הצלחה און זיי זענען אין אקליינע צייט אויך גירעכענט געווארען פאר גבירים צווישען אלי שטאדס גבירים. דער אייבערשטער האט זיי אויך אויפגידערכט מיט א קינד און דוקא א יונגעל פון וועלכען זייער שמחה איז גיוועזען אינבעשרייבליך, זיין רבי דער חתם סופר איז גיוועזען אויפ'ן ברית ווי ער האט געהאט סנדקאות אין דער פאטער פון דעם קינד וואס איז גיוועזען דעם חתם סופר'ס אגעליבטער תלמוד האט געזאגט אסאך תורה ביי דער סעודת מצוה פון וועלכען זיין רבי דער חתם סופר האט שטארק נהנה גיוועזען. דעם קינד האט מען אנאמען גיגעבען לייב אין דאס קינד איז גיוועזען זייער שעהן אין גערעטען:

אבער דעם שטערבליכען מענטשס גליק איז דאך נישט קיין אייביגע זאך. אזוי איז אויך גיוועזען מיט דער יונגער פרוי ווען איהר גליק האט דערגרייכט צו איהר קולמינאציאנס פונקט איז איהר זונן פלוצלונג אונטער געגאנגען אין איהר פיעל געליבטער מאן איז אין די בעסטע יונגענד יאהרען פון איהר אויף אייביג אוועק גערויסען געווארען גאר פלוצלינג ער איז אפילו גאר נישט שלאף גיוועזען גאר געזאגט אהיים קימענדיג פון בית מדרש דאס דער קאפף טהוט איהם וויי אין בעהייסען שיקען נאך דער חברה קדושה ער זאל זאגען ווידוי פארזיכער-דיג איהר דאס אזוי דארף צו זיין על פי דין ווען אמענטש עס טהוט דער קאפף וויי אז ער מוז ליגען צו בעט איז ער מחויב תשובה צו טהון אין צו זאגען ווידוי דרויבער האט זי זיך דערפאר נישט אזוי פיהל געשראקען

געשראָקען לײדער איז דאָס אָבער געװעזען אַן'אמתער געזעגונגס אַקט מיט
דער װעלט אין אַלע זײנע געליבטע װעלכע ער האָט איבער געלאָזט טרויערען
אויף זײן פֿרי צײטיגען טויט ר"ל. װען זײן רבי דער חתם סופר
איז געװאָהר געװאָרען פֿון דעם פּלוצלונגען טויט װאָס עס האָט געטראָפֿען
זײן פֿיהל געליבטען תּלמיד איז ער אַזוי בצער'ט געװאָרען דאָס ער האָט
נישט געקענט זײן געדאַנק מצמצם זײן און צו זאָגען אויף איהם
אַגעהוריגען הספּד נאָהר העבר אָין פֿון יענער װעלט קען מען דאָך נישט
צוריק חאַפּען אין ער האָט זיך מיט אַלע כּחות געמוזט אָנשטרענגען
האָטש צו זאָגען עטליכע װאַרימע װערטער װעלכע האָבען ביי דעם גרויסען
עולם מלווים אַרויס גערופען זידיגע טרערען פֿון טיפֿען מיט געפֿיהל
צו דעם גרויסען אומגליק ר"ל. די יונגע אַלמנה איז שטאַרק פּערטרויערט
געװאָרען זי האָט קײן שום געגנוס נישט געזוכט אין לעבען װײל זי האָט
בעשלאָסען צו ענדיגען איהר לעבען אין אײנזאַמקײט און איהר גאַנץ
לעבען און אַנערגיע צו װידמענען איהר אײגציגען אָנדענקען פֿון איהר
פֿיהל געליבטען מאַן זײער אײנאונאײנציגען קינד לײבעלע ביז ער זאָל
אויפֿװאַקסען אַגרויסער לײב צװישען די פֿיהל תּורה לײבען אַזוי װי זײן
זעליגער פֿאָטער איז געװעזען. מיט פֿיהל מעהר מוט האָט זי די גרויסע
אין פֿעראַנטװאָרטליכע אויפֿגאַבע ערפֿילט. ביז דאָס קינד איז אינטער
געװאַקסען אין ער האָט שוין אָנגעהויבען צו לערנען גמרא האָט זי צו
איהם צו גענומען אַספּעציעלען רבי'ן אַגרויסען למדן אין אַ ירא שמים
מיט'ן נאָמען ר' משה האָפּענהײם און זי האָט איהם אויסגעהאַלטען מיט
אַלע הצטרכות דאָס ער זאָל קײן שום אַנדערע זאַכען נישט דאַרפֿען אין
זינען צו האָבען נאָר אויס צו בילדען איהר אײנאונאײנציגען זוהן װעלכער
איז איהר גאַנצע טרײסט אין דער תּורה דאָס ער זאָל אַרויסװאַקסען אַזוי
אַלמדן װי זײן זעליגער פֿאָטער איז געװעזען. דער איבערשטער האָט
געזעהן איהר גוטע כּוונה אין ער האָט טאַקע דעם קינד געגעבען אַגוט
קעפּעל אין אַזעלטענים זכרון דאָס אַלעס װאָס ער האָט נאָהר אײנמאָהל
געלערנט האָט ער שוין גוט געדענקט אויך האָט ער געהאַט אַטיעפֿזיניגען
חוש תּופס צו זײן יעדען זאַך גרינטליך דאָס זײן רבי אַלײן איז פֿאַר
איהם נתפּעל געװאָרען אין האָט אַלײן דערצײלט אַז װי פֿיהל מאָהל ער
לערנט מיט איהם אַדורך אַ שװער ענין װאָס ער אַלײן איז עס נישט גוט
תּופס אין נאָך דעם לערנען פֿרעגט איהם דער יונגער תּלמיד אַזעלכע
קשיות װעלכע ער זעהט דאָס ער האָט פֿיהל מעהר ידיעה אין דעם ענין
פֿון איהם זעלבסט. דאָס האָט ער געהאַט בירושה פֿון זײן גאונישען
פֿאָטער

פאָטער. אַזוי ווי אונזערע הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאָגען פינף זאַכען אין דאָה וואָס אַ פאָטער איז זוכה דערמיט פאַר זיינע קינדער וועגען אין איינס פון זיי איז בחכמה. מיט קלוגשאַפט. דאָס הייסט אַדורך צו צו דרינגען יעדען זאַך גענוי אין נישט אויבערפלעכליך. די מוטער הערנדיג פון זיין רבי אַזעלכע מעלות האָט זי זיך אַביסעל געטרייסט אויף איהר גרויס אומגליק וואָס איהר האָט געטראָפען מיט איהר מאַנ'ס פריה צייטיגען טויט ר"ל אין האָט געלייגט דאָס האָפענונג אַז איהר אייניציגער זון וועט צוריק אויפשאַהנען איהר אינטער געגאַנגענע זינן. אין דערזעלבער האָט זי זיך אַביסעל אָנגעהויבען צו באַרוהיגען אין טרייסטען אַזוי ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאָגען גזירה על המת שישתכח מן הלב. עס איז אַגזירה דאָס הייסט אַנאַטור דרוק אויפן מענטשען אַז ער זאָל אָהן זיינע געליבטע וועלכע דער טויט האָט פון איהם אַוועק געריסען מוזען פערגעסען. אין זיין האָפענונג וועבען אויף דעם אייבערשטינס ליבע. אַזוי אַרום האָט די יונגע אַלמנה לאה קיין פערגעניגען אין לעבען נישט גיזעהן. אויסער אין ערליך האַנדלען אין טוען צדקה אין גמילת חסד. מיט אַלע וועלכע האָבען זיך צו איהר גיווענדעט נאָך הילף אָדער שטיצע. אין די רעשט האָט זי זיך אָבגיגעבען מיט דעם פיזישען ערציהונג פון איהר געליבטען זוהן די טרייסט פון איהר האַרץ. ווייל די גייסטיגע ערציהונג ווי געזאָגט האָט זי דאָך איהם איבער גיגעבען צו אָפצהיגען אין געטרייען ערציהער רבי משה האָפענהיים וועלכען זי האָט גיקענט האָבען דעם פולען צוטרוי. אַלע מענטשען וועלכע האָבען זי גיקענט אָדער האָבען מיט איהר אייננמאָהל געהאַנדעלט האָבען באַלד אַנערקענט אַז דאָס אַן'אויסטערלישע פרוי וועלכעס געפינט זיך גאַנץ וויניג אין דער וועלט. אין קיין אַנדערען שבח האָט מען פאַר איהר נישט געפינען ווי זי קריינען מיט'ן נאָמען צדיקת. אַזעלכע איז זי טאַקע בעשם'ס גיוועזען אין דער גאַנצער שטאָט לאה די צדיקת:

אביער זעהט אויס נישט אַזוי גרינג געהט מען אַדורך די וועלט צו זיין געליבט אין געאַכטעט פון אַלע קלאַסען אין דערביי צו געניסען אויך אויף יענער וועלט. אַזוי ווי אונזערע הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאָגען; לאו כל אדם זוכה לשתי שולחנות נישט יעדען מענטש איז זוכה צוביידע וועלטען אַזוי איז נעבעך אויך גיוועזען דער גורל פון דער פרוי לאה די צדיקת ווי זי איז יעצט בעשם'ס גיוועזען אין גאַנץ פרעסבורג. וועלכע פאַר איהר איז בעשטימט געהאָרען צו ירשנע'ן יענע וועלט אין אויף דער וועלט אַביסעל צו ליידען. אין ווי זי האָט זיך אַביסעל שוין

געטרייסט

געטרייסט פון איהר טיעפען ווינד וועלכע האט ביז אצונד געבליטיגט דורך דעם נחת וואס זי האט געהאט פון איהר ליעב קינד. האט מען איהר אויך געזאגט דאס זעלבע וואס אונזער אלטען שטאם פאטער יעקב אבינו עליו השלום. ביקש יעקב לישב בשלוה. יעקב אבינו נאך דעם ווי ער האט זיך שוין געהאט פיהל אנגעליטען פון עשו'ן אין לבנ'ן אין פון דינה'ן וועלכע איז אוועק געראַבט געווארען פון איהם אויף אזא אפארבערעכערישען אויפ'ן אין דערנאך פון די פיהל מלחמות וועלכע זיי האבען זיך אויף איהם אויפגיוועקט אין צוזאמענהאנג דערמיט וואס שמעון ולוי האבען אויסגעהארגעט אלע איינוואהנער פון שכם. אין ער האט שוין דאס אלעס איבער געקומען האט ער גי-רעכינט אז אצינד איז שוין די צייט ער זאל האבען מנוחה. אמר הקב"ה. האט דער אייבערשטער געזאגט. לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא. די צדיקים איז נישט גענוג די גרויסע בעלוינונג וועלכע איז פאר זייערט וועגען צו געגרייט אויף יענער וועלט. אלא שמבקשין לישב בשלוה בעולם הזה. נאר זיי ווילען נאך זיצען בערוהיגט אויף דער וועלט אויך. מיד קפץ עליו רוגזו של יוסף איז באלד אויף איהם אויסגעגאסען דער צארען פון יוסף'ס. צרות אין דאס זעלבע איז אויך גישעהן מיט דער צדיקות'דיגער פרוי זי איז שוין געהאט אויסגעשטאנען פיעל צרות אין האט אצינד גיקלערט שוין אביסעל צו בערוהיגען זיך איז אויף איהר געקומען דער צארען פון איהר געליבטען זוהן. וועלכער איז ביי איהר טייערער גיוועזען פון איהר גאנצען לעבען:

איינמאהל איז דאס קינד אדורך געגאנגען דורך דעם קאסטען מיסט וואס איז געשטאנען אין זייער גרויסען הויף. פלוצלינג האט איהם געטהון א פינקעל פאר די אויגען גלייך וויא עפיס אפייער-דיגע זאך וואלט דארט גילעגען צווישען מיסט. דאס קינד וועלכער איז גיוועזען זייער קליג אין האט באלד בארעכינט אז דאס קען אמאהל ארויס רופען א שריפה ח"ו אין דער מיט אומגליקליך מאכען דעם גאנצען הויף. האט ער זיך גענומען צו זיכען נאך דעם פייער ווי עס געפינט זיך כדי דאס צו פארלעשען. אבער דאה איז איהם דער פינק אריין אין דער האנד אריין ער האט גאר נישט פערשטאנען וואס דאס איז אבער באלד איז ער געווארען אנאנדערע ברי' ער איז פערקרומט געווארען ר"ל אין איז מיט גרויס כעס אריין געלאפען צו זיין מיטער אין באלד ביי איהר טיער אבגעריסן די מזוזה אין זי צוריסען אויף שטיקלעך אין אזוי ווי ער איז אריין געקומען אין שטיב אריין אין זיין מוטער איז פונק:

פונקט דאמאָלסט נישט גיוועזען אין שטיב האָט ער זיך צו געקרוגען צו דער ספרים שאַנק אין האָט זי מיט גרויס אימפּעט אויפגעריסען אין אָנגעהויבען צו רייסען אַלע טייערסטע אין בעסטע ספרים וועלכע האָבען זיך דאָרט געפינען. ווי זיין מוטער איז אריין געקומען אין האָט דערזעהן דעם חורבן וואָס ער האָט אָנגעמאַכט. ווי אויך זיין אויסטערליש אומגליק גישעהן. אין דאָס אין איהר געליבטען זוהן ווילדעוועט איינער פון די אומרוינע גייסטער זי האָט באַלד געמאַכט זעהר אַגרויס געוואַלט אויף וועלכען פּיהל שכינים יודען אין נישט יודען זענען זיך צו נויף געקומען אין מען האָט גענומען דאָס יונגעל געבינדען העגד אין פיס ער זאָל קיין שאָדענס נישט אָהנמאַכען אָבער געבינדענערהייט ווי ער האָט דערזעהן אַ בלעטעל פון אספר ליגען אויף דער פּאָדלאָגע האָט ער אָנגעהויבען צו קריצען מיט די ציין אין כמעט געשפּרונגען אין דער הייך. זיין פנים איז געוואָרען פערשידענפּארביג ביז מען האָט געמוזט דאָס בלעטעל פון זיינע אויגען צו נעמען. און אַז ער האָט דערזען אַבלעטעל פון אַ נישט יודישען בוך האָט ער איהם געקושט אין ער האָט געקניעט אזוי ווי די גוים און האָט דערמאַנט די נעמען פון זייערע אָבגעטער אין זיך געצלמ'ט ר"ל. עס איז דערפון געוואָרען אַ גרויסער רעש און גאַנץ פּרעסבורג און עס זענען זיך צונויף געקומען פארשידענע מענטשין אין האָבען איהם גיפרעגט פראַגען אויף וועלכע ער האָט אַלעס גיענטפערט. עס פלעגען אויך קומען גלחים אין האָבען מיט איהם געשמיעסט אין זייער מיטאָלאָגיע ער האָט אָנגערופען בנעמען פון די אַלטע אָבגעטער פון מיטאָלאָגיע גלייך ווי דער גרעסטער שטודירטער קארדינאַל זיי האָבען זיך זייער געוואונדערט וועד דאָס קען זיין דאָס ער זאָל האָבען אזוי אַגרויסע ידיעה. אָבער אַזוי ווי פאַר די פיעל פרעמדע צו שווער איז דאָס גיוועזען אַ גישעפט פאַר ווינדער זעהן איז אָבער פאַר דער אומג-ליקליכער מוטער געוואָרען אומדערטרעגליך זי איז פון טאָג צו טאָג מעהר פערטרויערט געוואָרען. די אַלע מענטשען וועלכע האָבען זי געקאָנט פון לאַנג האָבען אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט און זיי זענען אַרובער געגאַנגען צו דעם הייליגען חתם סופר אין האָבען איהם גיבעטען ער זאָל עפּיס טהון לטובת דעם פעראומגליקטען קינד. ער האָט אַפילו צום אָנהייב גאָר נישט געוואָלט הערען זייערע רייד. נאָר ווי זיי האָבען איהם גיבעטען דאָס ער זאָל טהון צו ליעב זיין טייערען תלמוד דער פאָטער פון דעם קינד ווי אויך זיין מוטער וועלכע איז אַ צדיקת מפורסמת. האָט דער חתם סופר געהייסען ברענגען דאָס קינד צו זיך און שטיב

א"י ז.

אריין אָבער די זאַך איז נישט אַזוי גרינג גיוועזען ווייל אַזוי ווי זיי זענען אריין געקומען. צו איהם האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען וואָס ווילט איהר מיך פוהרען צו דעם חתם סופר. פרובט נאָר איך וועל דאָס קינד אויפן וועג דערווערגען אין ער האָט עס תיכף אָנגעהויבען צו פייניגען אין שטיקען. די מענטשען האָבען זיך דערפאַר זייער דערשראָ-קען און זיי זענען צוריק געגאַנגען צום חתם סופר און איהם דערציילט וואָס דאָרט איז גישעהן. האָט דער חתם סופר זיי געהייסען צוריק גייען און צו איהם זאָגען אין זיין נאָמען אַז ער שיקט איהם רופען אין ער זאָל נישט זיין קיין עזות פנים אין פייניגען דאָס קינד ווייל ער קען זיך מיט איהם דערפאַר גוט אָברעכינען. די מענטשען זענען צוריק געגאַנגען אין האָבען איהם געזאָגט זיי זענען איהם מזמין דאָס ער זאָל שוין מיט זיי מיט גיין אין נאָמען פון דעם פרעסבורגער רב ר׳ משה סופר. ווי ער האָט גיהערט די הזמנה פון דעםהייליגען חתם סופר האָט ער אָנגעהויבען צו ציטערען אין פלאַטערען אין זיך ביי זיי גיבעטען דאָס זיי זאָלען בעטען דעם חתם סופר אַז ער זאָל איהם נישט מעניש זיין .פאַר וואָס ער איז דאָס ערשטע מאָהל באַלד נישט געגאַנגען, אין ער האָט איהם מטריח גיוועזען צו שיקען נאָך אַמאָהל נאָך איהם. ער איז מיט זיי טאַקע באַלד מיט געגאַנגען צום חתם סופר:

אָבער עס איז גישעהן אַגרויס ווינדער אַזוי ווי ער איז צו געקומען צום חתם סופר׳ס טיער האָט דער אומרייגער גייסט פון דעם קינד תיכף אָב גיטרעטען. אין דאָס קינד האָט מיט גרויס ליעבשאַפט געקושט די מזוזה אַזוי ווי ער איז געוואָהנט גיוועזען פון אייביג. אין אַריינקומענדיג צו דעם חתם סופר אין שטוב אַריין האָט איהם דער חתם סופר אַנידער גיזעצט אויף זיין שויס אין איהם געהייסען געבען אַ סידור׳ל ער זאָל דאַווענען האָט ער געדאַווענט מיט גרויס כוונה. דערנאָך האָט ער געהייסען דעם קינד געבען אַ חומש אין ער האָט געהייסען דאָס קינד זאָל עפּיס לערנען האָט דאָס קינד גילערנט חומש אין מען האָט אין דעם קינד גאָהר נישט דערקענט נאָר עס האָט יעדערער וואָס אַז דאָס קינד איז יעצט אַליין און דרובער טהוט ער אַלעס באַלויבט דער חתם סופר הייסט איהם טוען. ער איז גיוועזען אַווילע ביים חתם סופר און שטוב דערנאָך איז ער צוריק אַהיים געגאַנגען און אַדורך גייענדיג דורך דער שוהל האָט ער גיהערט קדושה אין אָנגעהויבען נאָך צו זאָגען אין פלוצלונג איז אויף איהם אָנגעפאַלען דער בייזער אומרייגער גייסט אין איהם אָנגעהויבען צו פייניגען אין אויסגעקרומט אַלע איברים

ר״ל

ד"ל דאָס ער האָט געמוזט אויפהערען צו זאָגען קדושה און אַזוי האָט ער דאָס קינד ווידער געפייניגט קרוב צו צוויי יאָהר. פיהל מענטשען האָבען אַפילו זיך געפרובט משתדל צו זיין ביים חתם סופר דאָס ער זאָל דעם קינד געבען אַ קמיעא צו פערטרייבען פון איהם דעם בייזען גייסט. אָבער דער חתם סופר האָט זיי דערונען אָבגעזאָגט ווייל די זאַך איז שוין צו פיהל בעוואוסט און ער האָט געהאַט אַ מנהג נישט מכניס צו זיין זיך און אַזוי אַזאַך וועלכע איז שטאַרק בעוואָסט. דאָך זענען צו איהם צו געשטאַנען זיין ליבער תלמוד רבי דניאל פרוסניצער און אויך אַנדערע תלמודי חכמים וועלכע האָבען איהם גיבעטען ער זאָל מאַכען אַן אויסנאַהם פאַר דעם קינד. זיי האָבען איהם אַזוי לאַנג גיבעטען דאָס ער האָט אַמאָהל זיך אַרויס געחאַפט אין צו געזאָגט צו טהון עפּיס וועגען דעם קינד. רבי דניאל האָט איהם געהאַלטען ביים וואָרט. האָט ער געשיקט רופען זיין טרייען און איבער גיגעבענעם תלמוד הרב הצדיק מו"ה פישעל סופר זכרונו לברכה. אין ער האָט איהם איבער גיגעבען אַ קמיעה וועלכער ער זאָל אָהנהענגען אויפ'ן קינד'ס העלזעל אין ער זאָל דערביי זאָגען אין נאָמען פון דעם היגען רב ר' משה סופר איז ער גוזר דאָס דער בייזער גייסט זאָל תיכף אָבטרעטען פון דעם קינד אין ער זאָל אַרויסגייען דורך דעם קליינעם פינגערעל פון זיין פיס אין זאָל איהם קיין שום שאָדען נישט איבער לאָזען. באַזונדער האָט דער חתם סופר געהייסען ער זאָל אויסקלויבען עטליכע שטאַרקע מענטשען אין זיי געבען אַ שוואַרצען הינט אין זיי זאָלען אויך מיט האָבען מיט זיך אַגרויסען זאַק. אין זיי זאָלען שטעהן אינטער דעם פענסטער אַזוי ווי רבי פישעל סופר וועט אויפהענגען די קמיעא אויפ'ן קינד'ס העלזעל און אויף איהם גוזר זיין דאָס ער זאָל תיכף אַרויס פון דעם קינד זאָל ער באַלד אויף עפינען דאָס פענסטער אין גלייכצייטיג אויף איהם גוזר זיין דאָס ער זאָל אַריין אין דעם שוואַרצען הינד אַריין. און ווי זיי וועלען באַמערקען אַז ער איז אַרויס פון דעם קינד אין אַריין אין דעם הינד אַריין זאָלען די מענטשין אַריין וואַרפען דעם הינד אין דעם זאַק אַריין אין פאַרבינדען איהם אין אַריין וואַרפען אין דעם טייך אַריין:

דער געטרייער תלמוד רבי פישעל סופר האָט תיכף גענומען די קמיעא אין צו געגרייט די מענטשען אין דעם הינד מיט דעם זאַק איז ער געגאַנגען צו דעם, וואָהנונג ווי דאָס קינד איז גילעגען געבינדען. אָבער אַזוי ווי ער האָט גיעפינט די טיער האט זיך דאס קינד אויפגע-בינדען

געבינדען אין זיך געווארפען אויף רבי פישל'ן בשום אופן -ישט צו לאזען אויפהענגען די קמיעא אויפ'ן האלדז. אבער רבי פישל האט זיך אויף איהם געשטארקט אין דאך אויפגעהאנגען די קמיעה אויפן קינד'ס האלדז אין אויסגערופען דעם הייליגען חתם סופר'ס גזירה דאס ער זאל תיכף ארויס דורך דעם קינד'ס קליינע פינגערל אין אריין אין דעם שווארצען הינד וועלכער שטעהט גרייט דער צו אין הויף אינטער דעם פענסטער. אין אזוי ריידענדיג האט ער געעפינט דאס פענסטער. פלוצלונג איז דאס קינד אנידער געפאלען אין אנגעהויבען צו שרייען מיט זייער אביטער קול. באלד האט זיך געעפינט זיין קליין פיגגערל אין עס האט אנגעהויבען צו פליסען פון דעם קליינעם פינגער בלוט די מענטשען וועלכע האבען געהאלטען אין דרויסען דעם שווארצען הינד האבען באלד באמערקט אז דער נישט ריינער גייסט איז אריין אין דעם הינד אריין האבען זיי תיכף דעם הינד אריין געווארפען אין דעם זאק אריין אין פערבינדען אין אהנגעהאנגען עטליכע שווערע שטיינער כדי דער זאק זאל נישט ארויפקומען האבען זיי איהם אריין געווארפען אין דעם טייך דאנוי וועלכער פליסט אדורך דורך דער שטאט פרעסבורג און אין פערלויף פון עטליכע טעג איז דאס קינד פאלקאם געזינד געווארען אין ער האט דאך גילערינט ביים הייליגען חתם סופר אין דער ישיבה אין איז געווארען אגרויסער למדן אין אירא שמים. אזוי ווי זיין זעליגער פאטער. אין זיין מוטער האט פון איהם געהאט גרויס נחת. אין געפינען אנ'אמת'ע טרייסט אויף איהרע פריהערדיגע פיהל יסורים. אין זי האט מיט איהם געטהון זייער אוואהלען שידוך מיט אגרויסען רב אין דערצו אגביר ער האט איהם צו געזאגט דאס חזקת הרבנות. אין דערוייל גיגעבען קעסט דאס ער זאל זיצען לערנען יומם ולילה ביז ער וועט ראוי צו זיין איבער צו נעמען דעם כסא הרבנות וועט ער איהם אבטרעטען נאך ביים לעבען. ער האט צו מזל חתונה געהאט אין זיין מוטער האט דער לעבט פון איהם פיהל נחת. דער זכות פון די צדיקים זאל אונז ביי שטיין אין מיר זאלען אויך געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען אין מיר זאלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן :

# זעהר אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם תפארת שלמה זכרונו לברכה:

איינמאהל איז צו דעם הייליגען ראדאמסקער רבין ר' שלמה'לע זכרונו לברכה אריין געקומען א חסיד א גרויסער תלמוד חכם און ער האט אב געגעבען א קוויטעל אזוי ווי ער האט א טאכטער וועלכע עס איז שוין צייט מיט איהר א שידוך צו טהון און מען רעדט איהר גאנץ גוטע שידוכים נאר וואס קומט ארויס אז ער איז א גרויסער ארימאן ר"ל און ער האט נישט קיין נדן צו געבען דער יוד האט זייער געוויינט אויף זיין ביטערען גורל אז עס האט דעם רבין שטארק צו בראכען דאס הארץ ער האט כמעט נישט געקאנט איהם ענטפערען, אין ער האט געמוזט זיך צוריק חאפען מיט זאגען אמילתא דבדיחותא. אומקערינדיג צו דעם יוד האט ער נאך אמאהל איבער געליינט זיין קוויטעל אין וועלכען דער יוד האט איינגעשריבען דאס ער איז אנ'עני. פלוצלינג האט ער אויסגעשריגען וואס זאגסט דו ביסט אנארימאן די ווייסט דאך אז די חכמים זאגען עני חשוב כמת. אנארימאן איז גלייך וויא א געשטארבינער און אין בין דאך א כהן אין טאהר נישט זיין אין א שטיב וואס געפינט זיך אטויטער בר מינן אנטלויף שוין ארויס פון מיין שטוב. דער יוד האט זיך זייער שטארק דערשראקען אין איז טאקע באלד ארויס געלאפען פון שטוב דער רבי האט איהם צוריק גערופען אין געזאגט אז א מת מצוה מעג זיך אפילו אכהן גדול אויך מטמא זיין. אין ווי איז פערהאנדען א גרעסערע מת מצוה ווי די ביסט. דערווייל ווי דער יוד איז ארויס געלאפען האבען זיך פערזאמעלט די מענטשען וואס זענען גיוועזען אין רבינ'ס בית מדרש זעהן וואס דא קומט פאהר. ווי זיי האבען גיהערט דעם געלונגענם וויץ פון רבין האבען זיי אנגעהויבען צו לאכען אויך דער רבי האט אביסעל געשמייכעלט אין געזאגט צו דעם יוד. זאג מיר נאר אז די ביסט אנ' ארימאן פונוואנעט נעמסטו ברויט צו עסען אלע טאג וואס די קלערסט נאר וועגען א שידוך און נדן די דארפסט דאך אלע טאג אבר יטעל אין פונוואנעט נעמסט די אויף א ברייטעל. דער יוד האט אנגעהויבען צו שטאמלען און געזאגט איך האב טאקע נישט אויף קיין ברויט אויך. דער רבי האט איהם גיפרעגט אבער די פאסט דאך נישט קיין גאנצע טעג און די מאכסט דאך אלע טאג א המוציא פונוואנען נעמסטו דרויף. דער יוד האט גיענטפערט אז זיין גאנצע פרנסה באשטעהט פון דעם וואכ

זיין

זיין ווייב פאַרדינט און גיט איהם אלע טאָג קוים אויף טריקען ברויט. דער רבי האָט אויף איהם אָנגעשריגען וואָס זאָגסטו דיין ווייב שפּייזט דיך מיר האָבען שוין גיזעהן דעם גוטען מסחר וואָס אָדם הראשון האָט געמאַכט פערלאָזענדיג זיך אַז דאָס ווייב זאָהל איהם געבען צו עסען אין אויך פונוואַנען נעמט דיין ווייב דיר צו געבען. האָט דער יוד גיענטפערט זי טראָגט אַרום פרוכטען צו די פּריצים אין די הייף אין דערפון פערדינט זי אויף זייער קאַרגער פּרנסה. האָט איהם דער רבי געזאָגט עס שטעהט דאָך אין דער תורה וחצירות ודי זהב. דאָס הייסט אַז די וואָס וועלען אַרומגיין איבער די הייף וועט זיי השי״ת באַגליקען מיט פיהל גאָלד דערובער פאָהר אַ היים לחיים טובים אין השי״ת וועט דיר העלפען דאָס דיין ווייב וועט באַגליקט ווערען מיט אַסאַך געלט:

דער יוד האָט זיך זייער געפרייט אויף דעם רבינ׳ס הבטחה אין ער איז אַפרעהליכער אַהיים געפאָרען מיט דעם האָפענונג דאָס השי״ת וועט זיכער מקיים זיין דעם צדיק׳ס ברכה. אַהיים קומענדיג האָט איהם זיין ווייב גיפרעגט וואָס דער רבי האָט געזאָגט האָט ער איהר נישט געוואָסט וואָס צו זאָגען ער וועט דאָך איהר נישט נאָך זאָגען די תורה אין דעם פּשט וואָס דער רבי האָט געזאָגט אויף דעם פסוק וחצרות ודי זהב. האָט ער איר נאָר געזאָגט אַז דער רבי האָט געזאָגט דאָס זיי זענען שוין פון די געהאָלפינע. ווי אַזוי אין מיט וואָס האָט ער נישט געזאָגט נאָר עס איז גענוג אַז דער צדיק האָט מבטיח גיוועזען איז דאָס אַוודאי קודש קדשים. אין עטליכע טעג שפּעטער איז זי גיוועזען אין אַהויף האָט זי דאָרט געפינען אַקניפּעל זי האָט עס אויפגעהויבען אין אַהיים גיברענגט אין געזאָגט צו איהר מאַן זעה נאָהר דאָס קניפּעל וואָס איך האָב געפינען אין הויף. דער מאַן האָט דאָס גיעפינט אָבער ווי פערווינדערט זענען זיי געבליבען זעהנדיג אַז דאָרט איז איינגעבינדען דריי הונדערט גולדען וואָס אין דער דאַמאָלסטיגער צייט האָט דאָס געהייסען אַגאַנץ פאַרמעגען זיי האָבען באַלד מיט זייער טאָכטער אַ גוטען שידוך געטהון אין געציילט הונדערט און פונפציג גולדען. און פון דער רעשט האָבען זיי זיך געדינגען אַגיוועלב אין געמאכט אַ מסחר אין זיי האָבען אָנגעהויבען מצליח צו זיין אין איז גיוועזען אגרויסער עושר כל ימי חייו. די מעשה האָט ער געהאַלטען שטאַרק בסוד נאָר נאכדעם ווי דער רבי איז נסתלק געוואָרען האָט ער די מעשה הערשט דערציילט צו זיין זוהן דער רבי ר׳ אברהמ׳לע דער מחבר פון חסד לאברהם. האָט דער רבי ר׳ אברהמ׳לע געזאָגט וואָס האָבען מיר צו ריידען פון מיין הייליגען טאַטען וועלכער איז באמת גיוועזען אַווינדערליכער

אווינדערליכער מענטש אין דעם גאנצען רוח הקודש אין די גרעסטע מופתים האט ער פארשטעלט מיט אגלייך ווערטעל. כדי מענטשען זאלען נישט דערפילען אז דאס איז א מופת. דער זכות פון די צדיקים זאל אונז ביי שטעהן מיר זאלען אויך געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען אין מיר זאלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# א ווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם גרויסען גאון און צדיק ר' משה סופר זכרונו לברכה:

איינמאהל איז פארגעקומען גאך אזוי א מעשה מיט אנ'אומרייגען גייסט ו. עלכער האט זיך באהעפט אין איינעם פון פרעס־בורגער בעלי בתים אין פיעל מענטשין האבען שטארק מפציר גיוועזען דעם הייליגען חתם סופר ער זאל דעם מענטש א טובה טהון דורך זיין גרויסען כח אין דער פעולה פון שמות הקדושים. דער חתם סופר האט אויסגעקליבען צעהן בחורים פון זיינע גרעסטע תלמידים וועלכע זענען גיוועזען גרויסע לומדים אין אמת'דיגע יראי שמים אין האט זיי געהייסען צוזאמענקומען אין איינעם פון זיינע באוואנונגען אין ער האט דארט מיט זיי גילערענט דעם גאנצען סדר וואס זיי דארפען טהון וועגען דער זאך. דערנאך האט ער מסדר גיוועזען עטליכע תפילות על פי חכמת הקבלה אין עטליכע קאפיטלעך תהלים וואס פון זיי גייען ארויס די שמות הקדושים וועלכע זענען מסוגל אין זייער כח ארויס צו טרייבען דעם רוח רעה. און ער האט אלעס איבער גיענפערט צו זיינע תלמודים וואס אין ווי מען דארף אין זינגען צו האבען. דערנאך האט ער אהנגעזאגט זיינע תלמודים דאס אזוי ווי מען וועט אריין ברענגען דעם אומגליקליכען זאלען זיי זיך צוזאמען נעמען מיט דעם אומגליקליכען אין אראד אין יעדער איינער זאל זיך האלטען פעסט אין דעם צווייטען אין זיי זאלען זיך נישט צו שיידען בשום אופן אפילו דער פעראומגליקטער וועט זיך מיט אלע כחות רייסען אנטרונען צו ווערען פון דעם זאלען זיי זיך נישט צו שיידען איהם אדורך צו לאזען. זיי האבען אלעס אזוי געטוען ווי זייער רבי דער הייליגער חתם סופר האט זיי אנגעזאגט אין ווי זיי האבען אנגעהויבען צו זאגען די תפילות מיט די קאפיטלעך תהלים

האט

האָט זיך דער רוח רעה אָנגעהויבען צו רייסען אַדורך צו גייען דורך זייער עיגול מיט אומנאַטירליכע כּוחות אָבער זיי האָבען זיך פעסט געהאַל־טען איינער און צווייטען און זיי האָבען איהם בשום אופן נישט אַדורך געלאָזט. האָט ער געמאַכט זייער אויסטערלישע געוואַלדען אין געשריגען דאָס ווען נישט וואָס זייער רבי איז מיט זיי גיוועזען וואָלטען זיי נישט גיוועזען איבער געהאַלטען די גרויסע שרעק וואָס אויף זיי איז געפאַלען. דערנאָך איז דער אומגליקליכער גיגעבען אַ שפּרינג אין דער הייך ביז צום באַלקאָן און עס האָט פּלוצלינג זיך אויסגעהאַקט אַשאָב פון פענסטער דורך וועלכער דער רוח איז אַרויס. דער אומגליקליבער איז אַ שטאַרק פערמאַטערטער אַ נידער געפאַלען אויף דער פּאָדלאָגע. אָבער ביסליך ווייס איז ער צוריק געקומען צו זיך אין איז פאַלקאָם געזינד געוואָרען. דער זכות פון די צדיקים זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלען ניצול ווערען פון כל מיני אומגליקען אמן:

# די יוגענד יאָהרען פון דעם גרויסען און היילינען חתם סופר זכרונו לברכה:

דער חכם מכל אדם שלמה המלך עליו השלום זאָגט אין משלי גם יתנכר נער. דער גרויסער מאַן ווערט דורך זיינע מעשים דער קענט נאָך אַפילו ווען ער איז גאַנץ יונג. אַזוי איז אויך גיוועזען מיט דעם הייליגען חתם סופר באַלד אין זיין קינדהייט האָט מען אָנגיזעהן אַז ער וועט אַרויס וואַקסען אַגרויסר וועלט׳ס אוטאָריטעט. אין דרובבער האָבען איהם זיינע עלטערען אָבגעהיטען זייער שטאַרק בקדושה וטהרה אין ווען ער האָט אָנגעהויבען צו גייען אין חדר אריין פלעגט זיין מוטער זעלבסט זיך נעמען צייט אַלע טאָג איהם צו טראָגען אין חדר אריין איינגהילענדיג זיין ואָבן פנים׳ל דאָס ער זאָל נישט קוקען אויף קיין טמא זאַכען. ער האָט אַזוי גילערנט פלייסיג דאָס ער האָט קיין איין טאָג אַפילו נישט פאַרפעהלט צו גיין אין חדר. אין ווען ער איז אַלט געוואָרען פיער יאָהר האָט ער שוין געהאַט אַגרינטליכע פערשטענדיג־קייט אין זיין רבי וועלכער האָט נישט געוואָסט ווי צו שעצען אַזוי אַנאוצר פלעגט זיך פיעל מאָהל אויף איהם צו בייזערען דורך דעם וואָס ער

ער פערדרייט איהם א קאפף מיט זיינע קשיות. א יונג קינד האט דער רבי געזאגט דארף נישט פרעגען קיין קשיות נאר וועלען וויסען און קענען דאס וואס מען לערינט מיט איהם. ער האט זיין רבינס רייד אנגענומען פאר ריכטיג ווייל אין אמת אריין זאגען דאך טאקע די חכמים זכרונם לברכה. לגמור. דער מענטש זאל פרוהער לערנען. והדר לסבר. דערנאך זאל ער פרעגען קשיות וואס ער פערשטעהט נישט. אבער דער כלל איז נאר געזאגט געווארען ווען די חכמי התלמוד זכרונם לברכה זענען גיוועזען וואס דאמאלסט איז דער תלמוד נישט גיוועזען געדריקט ווי אין אונזער צייט און אפילו געשריבען האט מען איהם אויך נישט געטארט לערנען בפרהסיא ווייל דאס הייסט תורה שבעל פה וועלכע האט געמוזט גילערנט ווערען אויסענווייניג אין אזוי ווי נישט יעדען מענטש איז בעשאנקען מיט אלע פעאיגקייטען איינער האט א גוטען זכרון אבער אנאויפטיער איז ער א קנאפער. דער צווייטער וועלכער איז יאה א חריף א גרויסער אויפטיער איז ער נישט אזוי א גרויסער בעל זכרון. צו גלאט אזוי ער האט ווינציגער גילערנט ווי א צווייטער וועלכער איז נישט אזוי א חריף ווי ער. אין דרויבער אז איינער האט געוואלט גיין לערנען ביי א רבי'ן און ער האט נישט געהאט נאר אדער א רבי'ן אזעליכען וועליכער גידענקט אסאך אין א זעליכער וועליכער איז א גרויסער אויפטיער האבען די חכמים זכרונם לברכה געהייסען לערנען ביי אזעליכען וועלכער טדענקט א סאך כדי די תורה זאל חלילה נישט פערגעסען ווערען. אין דער וואס וועט האבען דערנאך די מעגליכקייט ווייטער זיך צו ווידמענען דעם תורה שטודיום וועט דערנאך לערנען פון אזעליכען וואס איז אנ'אויפטיער אין וועט קענען ענטפעדי'ן די אלע פראגען וואס ער האט פרוהער ביים לערנען באמערקט. אבער היינט ווען די גאנצע תורה שבעל פה איז געדרוקט און מען האט שוין נישט וואס קיין מורא צו האבען אז די תורה וועט חלילה פארגעסען ווערען דארף מען טאקע באלד אופן ארט גדינטליך לערנען אין וויפיעל מען קען אבלערנען זאל מען עס גרינטליך וויסען:

**אויסערדעם** איז דער כלל פון די הייליגע חכמים זכרונם לברכה נאר געזאגט געווארען אויף אזעלכע קשיות וועלכע גייען ערקלערען אסתירה פון איין ארט צום צווייטען וועלכע מיר וויסען דאס די ווערטער פון די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זענען קודש קדשים. און אין זייערע ווערטער בפרט דארט ווי עס האנדעלט זיך הלכה זאכען איז קיינע סתירות נישט פערהאנגען נאר מיר וויסען פארלויפיג נישט ווי אזוי די סתירה צו פערענטפערין אויף דעם האבען אונז די חכמים גילערנט

גילערענט אַז אַמענטש זאָל פרוהער לערנען און פערפאָלקאָמען זיין ידיעה אין תלמוד שטודיום ווייל די ווערטער זענען געוויס ריכטיג. און פיעל מאָל וועט ער זעלבסט נאָך פיעל לערנען פערשטיין זיין אירטהום אַז דאָה איז קיין שום סתירות נישט נאָר ווייל ער האָט פרוהער גילערנט איין זאַטץ פון דער בעטרעפענדער הלכה האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַז עס איז דרונען פערהאַנדען א סתירה. אָבער ביים לערנען וועט מען פערשטעהט נישט די בעדייטונג פון דעם זאַטץ וואָס מען לערנט דאָה איז קיין שום כלל נישט דאָס מען זאָל נישט דאַרפען אריינקלערען צו וויסען דעם בעדייטונג פון דעם וואָס מען לערענט. און דריבער ווען דאָס זעלטענע קינד האָט איינמאָהל גילערנט ביי זיין רבי'ן פרשת בראשית און דער רבי האָט מיט איהם אויסגעטייטשט טריקען. ויקח. און ער האָט גענומען. עפר. ערד. מן האדמה. פון דער ערד. האָט זיך דאָס קינד אָבגישטעלט און גיפרעגט זיין רבי'ן וואָס דערציילט מיר דאָה דער פסוק דאָס השי"ת האָט גענומען ערד פון ערד ווער קען דאָס נישט טהון צו נעמען ערד פון ערד פון וואַנעט דען נעמען מיר ערד נישט פון דער ערד. און באמת שטעלט זיך טאַקע רש"י הקדוש דרויף און ערקלערט אַז מען מיינט דאָה פון דער גאַנצער וועלט כדי ווי דער מענטש וועט זיין נשמה אויסהויכען זאָל איהם די ערד צו נעמען. ווייל ווען דער מענטש זאָל גיוועזען באַשאַפען ווערען פון איין אָרט און זאָל גיוועזען שטאַרבען אויף אַ צווייט אָרט וואָלט איהם די דאָרטיגע ערד נישט גיוועזען גיוואָלט צו נעמען. דער מלמד אָבער וועלכער האָט נישט ווי גיהעריג געוויסט אָבצושאַצען דעם גרויסען גאונישען קאָפ וועלכעס דער חתם סופר האָט נאָך אַלס קינד פערמאָגט האָט איהם אויף זיין פראַגע גאָר נישט גיענטפערט. און ווען דאָס קינד האָט אָבער דאָך נישט גיוואָלט אַוועק גיין פון דעם איהם אונפאַרשטענדליכען זאַטץ. האָט זיך דער מלמד אויף איהם גוט אָנגעבייזערט ווי געזאָגט ער זאָל איהם נישט פערדרייען דעם קאָפף מיט זיינע נאַרישע קשיות. ער זאָל בעסער צוזאָרכען וועט ער קאָנען דעם שיעור. דאָס קינד האָט געמוזט באין ברירה שווייגען אָבער אינערליך האָט ער דערפון געהאַט גרויסע שמערצען און אַהיים קומענדיג אַז מען האָט איהם דערלאַנגט עסען האָט ער נישט גיוואָלט עסען די מוטער איז דערפון זייער איבערגעשראָקען געוואָרען און זי האָט איהם גיפרעגט פאַרוואָס ער עסט נישט און ער האָט זייער אשלעכט פנים צו איז ער נישט ביים געזונד חלילה. ער האָט דער מוטער גיענטפערט אַז עס איז איהם גאָר נישט נאָר ער קען גלאַט אַזוי נישט עסען. יעדען מוטער איז דאָך

א מבין

אמבין אויף איהר קינד זי האט באלד באמערקט אז דעם קינד דריקט עפּיס אויפ'ן הערציל איז זי אריין געגאנגען צו זיין פּאטער און איהם דאס דערציילט. דער פּאטער איז תיכף אריין געלאפען צום קינד ער האט טאקע באמערקט אז דאס קינד איז זיך אויפגירעגט און גיקרענקט. האט ער זיך דערפאר זייער דערשראקען אין ער, האט אויך דאס גינרעגט וואס זיין אויפרעגונג איז היינט מעהר ווי אלע מאהל צו האט עמיצער מיט איהם גיטשעפעט. און דאס קינד האט זיך שוין נישט מעהר געקאנט זיך איינהאלטען און דערציילט זיין פאטער די גאנצע סיבה פון זיין געוויין דאס ווען ער פרעגט דעם רבין עפּיס אקשיא בייזערט זיך זיין רבי אויף איהם און היינט האט ער אויך גיפרעגט ביי זיין רבי'ן עפּיס א קשיא און דער רבי האט איהם וויטער נישט גיענטפערט האט ער זיך אבער נישט גיקענט איינהאלטען און ער האט נאך אמאהל איבער גיפרעגט. האט זיין רבי זיך אויף איהם שטארק געבייזערט און ער האט איהם פערענטפערט מיט עטליכע פעטשלעך איבער די באקען ענטפערינדיג דאס ערי וועט נאך צייט האבען אין עטליכע יאהר ארום צו פרעגען קשיות אין יעצט זאל ער נאר צו הארכען וואס מען לערענט מיט איהם וועט ער שבת קענען זיך פערהערען דעם שיעור אבער דערמיט איז איהם זעלבסט פערשטענדליך אז דערמיט איז זיין קשיא נאך גאהר נישט פערענטפערט געווארען און ער וואלט זייער גערען וויסען אתירוץ מספיק צו זיין קשיא ווייל ער קען נישט גלייבען אז דער פסוק זאל שרייבען אזעלכע ווערטער וואס זיי זאלען קיין שום בעדייטונג נישט האבען:

דעם פּאטער האט שטארק איבערגענומען דאס רחמנות געפיהל אויף זיין ליעב קינד און ער האט איהם געהייסען איבער זאגען די קשיא וואס ער האט גיפרעגט דעם רבין און חדר. אין הערענדיג די גלייכע פראגע פון זיין קינד וואס איז סך הכל קוים אלט פיהר יאהר האט ער זיך זייער געפרייט וואס ער האט זוכה גיוועזען צו אזוי אוואהל קינד:

גלייבציימיג האט ער זיך אבער געשראקען פאר דעם מלמד וואס ער איז אשטרענגער און ער ווייל נישט וויסען דעם ריכטיגען תירוץ ער זאל קענען אויפריכטיג ערקלערע זיינע תלמידים דעם אמת'דיגען פשט אין פסוק. האט ער דערציילט די זאך זיין פיהל געליבטען פריינד הגאון הצדיק המקובל הקדוש רבי נתן אדלער זכרונו לברכה. רבי נתן האט אויך באוואונדערט דאס שארפזיניגקייט פון דעם פיהר יעהריגען קינד און ערקלערט זיין פאטער דאס מיט אזא קינד שפּיעלט מען זיך נישט איבער געבענדיג דאס אין פרעמדע הענד נאר ער זאל

זאָל בפשטות מקיים זיין דעם פסוק ולמדתם את בניכם. איהר זאָלט לערנען די תורה מיט אייערע קינדער. און דערובער זאָל ער זעלבסט זיך נעמען צייט אין לערנען מיט דעם זעלטענעם קינד. זיין פאָטער האָט איהם געפאָלגט און ער האָט אָנגעהויבען אַליין מיט איהם צו לערנען. און אַזוי ווי ער איז גיוועזען אשטארקער בעל מסביר דאָס אַפילו די שווערסטע שטעלען און ש"ס מיט תוספות האָט ער גיקענט אַזוי ערקלערען דאָס אַפילו אַ קינד האָט אויך גיקענט פערשטיין. האָט דאָס עילווישע קינד ביי זיין פאָטער געהאַט אַגרויסע פעולה און אין אַקליינע צייט אַרום איז ער אַזוי גיוואָרען געניט אין גאַנץ ש"ס. תנ"ך און ער האָט שוין גיקענט אָנהייבען גמרא. זיין פאָטער האָט דוקא מיט איהם געוואָלט לערנען כסדר ש"ס האָט ער מיט איהם טאָקע אָנגעהויבען מסכת ברכות ווי אויך דעם שולחן ערוך פון הלכות ברכות און ווי דאָס קינד האָט באַמערקט אַז אויף צוקער איז פערהאַנדען אַ קלער וואָס פאַר איין ברכה מען זאָל מאַכען האָט ער אויף זיך גענו־מען דאָס ער זאָל שוין מעהר נישט נאַשען קיין בלויזען צוקער חאָטשע ער איז גיוועזען אַ קינד און ער האָט זייער ליעב געהאַט צוקער. און אַזוי אויך האָט ער אויף זיך גענומען פיעל אַנדערע חומרות נאָך שוין אַלס יונג קינד. און דאָס גרויסע אָבגעזינדערטקייט פון אַלע פערגעניגענס פון דער וועלט האָט פאָזיטיוו געווירקט אויף דעם קינד דאָס ער איז טאָקע געוואַקסען פון טאָג צו טאָג אין לערנען און הייליגקייט. איינמאָהל אַז דער גרויסער גאון ר' ארי' ליב דער גרויסער מידער רב און אויבער ראַבינער איבער גאַנץ עלזאַס לאָטערינגען איז געקומען קיין פראַנקפורט דריקען זיין פיעל באַרוהמטען ספר שאלות ותשובות שאגת ארי' וועלכער איז באַרוהמט אין דער גאַנצער לומדישער וועלט. און אַזוי ווי דאַמאָלסט איז גיוועזען אַ מנהג דאָס ווען עס פלעגט צו קומען אַ גרויסער גאון אין שטאָדט אַריין איז מען געגאַנגען צו איהם מיט די קליינע קינדער אַז בעטען זיין ברכה. אַזוי איז רבי שמואל סופר דעם חתם סופר'ס פאָטער אויך געגאַנגען צו דעם גרויסען גאון דער שאגת ארי' ער זאָל זיין קינד בענטשען. דער שאגת ארי' האָט גיפרעגט דאָס זעקס יעהריגע קינד צו ער לערינט שוין גמרא האָט איהם דאָס קינד גיענטפערט אַז ער לערינט היינט מסכת ברכות. דער שאגת ארי' האָט זיך דרויף פערוואונדערט ווייל ווי דער שטייגער פון דער וועלט לערענט מען מיט אַזוי אַקינד בבא קמא אָדער בבא מציעא. צו גאָר גיטין. קידושין. אָבער ברכות לערענט שוין אַדערוואַקסינער מענטש מיט פערשטאַנד. דרובער האָט ער געפרובט

פרעגען

פרעגען דאָס קינד עטליכע שטעלען וועלכע זענען פאָרלויפיג שווער צו ערקלערען. אבער ווי פאַרווינדערט איז דער גאון געבליבען הערענדיג דעם קונדס פעריגדיגע געאנטוואָרטען ער האָט איהם דעם גרויסען גאוני־נישען לייב באַמערקט אַזעלכע אויפטוען וואָס עס איז איהם כמעט גאָר נישט איינגעפאַלען. ער האָט אויף אַזוי אַן אופן באַמערקט אַז דאָה שטעהט נישט פאַר איהם אַ קינד נאָר אַ גרויסער גאון וועלכער טראָגט זיין קינדהייט האָט שוין אַן'ענטוויקעלטען פערשטאַנד און ער וועט מיט דער צייט אַרויס וואַקסען אַגרויסער וועלט'ס אויטאָריטעט. אַלזא האָט ער געפּרובט צו מאַכען אַ שמועס מיט איהם פון די ענינים וועלכע ער בערוהרט און זיין טיעפזיניגקייטען חיבור שאגת ארי'. איז ער ממש ער־שטוינט געוואָרען ער האָט שוין געמוזט אָנהייבען מאַכען שינוים אין זיין חיבור שטרייכען שרייבען אַלעס דורך אַזעקס יעהריג קינד. זיין שמחה איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט דערמאַנענדיג זיך אַז מיט דעם אייבערשטענס הילף וועט דער צוקונפטיגער דור נישט פעריתום'ט ווערען האָבענדיג אַזוי אַן'אָנפיהרער אַזוי ווי דאָס זעלטענע עילושע קינד וועט אַרויסוואַקסען. און גיזעגענדיג זיך מיט דעם קינד און זיין פאָטער האָט ער דעם קינד גיגעבען אַ קיש און קעפּעל און אָנגעזאָגט דעם פאָטער ער זאָל דאָס קינד גוט היטען ער זאָל זיין אַ גרויסער ירא שמים וויל זיינע גרויסע פעאיגקייטען וועלען איהם דערהויבען צו דער מדריגה פון אַמנהיג הדור וועלכעס דער עיקר מוז זיין יראת שמים:

פון דאַמאָלסט אָהן האָט רבי שמואל סופר דער חתם סופר'ס פאָטער נאָך מעהר אַכט געלייגט אויף דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון זיין אונשאָצבאַרען אוצר. אין אויסער דעם וואָס ער האָט אַגאַנצען טאָג מיט איהם עוסק גיוועזען אין לערנען אין אַלע שווערסטע סוגיות. האָט ער אווינדערליכען מנהג איינגעפיהרט דאָס אַלע נאַכט ווען ער איז זיך שוין געגאַנגען לייגען שלאָפען האָט ער דאס קינד גיפרעגט עפּיס אַהאַרבע קשיא אין איינעם פון די ענינים וואָס ער האָט מיט איהם גילערנט ביי טאָג און איידער ער האָט פערענטפערט די קשיא מיט אַ ריכטיגען תירוץ האָט איהם זיין פאָטער נישט געלאָזט איינשלאָפען און אויב עס האָט זיך געטראָפען דאָס ער האָט נישט גיקענט פערענטפערען די קשיא איז ער איז איינגעשלאָפען האָט איהם דער פאָטער אויפגיוועקט זאָגענדיג דאָס ער האָט נאָך נישט משלים גיוועזען זיין שיעור. און אַז ער האָט אָבער בשום אופן נישט גיקענט ענטפערען דרויף האָט איהם זיין פאָטער די גרעסטע פאָרווירפען געמאַכט און פיעל דברי מוסר געזאָגט דאָס

טר

ער וויל נישט גוט מעיין זיין אין ער וועט נישט אויסוואקסען צו זיין בעשטומטען ציעל ביז דאס קינד האט אנגעהויבען צו וויינען פון גרויס ביטערניש וואס ער פארשטייט נישט צו ערקלערען די שווערע קשיא אין האט שטארק מהרהר בתשובה גיוועזען. ווייל נאר דעם זינד פאר-שטעלען פון איהם צו פארשטיין דעם אמת'דיגען פשט אבער די הייליגע תורה איז נישט קיין צווייפעלהאפטיגע זאך דאס מען זאל זי נישט קענען פארשטיין. ווי דוד המלך עליו השלום זאגט אין תהלים. גל עיני. אנט-פלעק מיינע אויגען. דאס הייסט נעם פון זיי אראב דאס פארשטעלונג וואס פערשטעלט פון זיי דעם אמת'דיגען פשט פון דער תורה. ואביטה נפלאות מתורתיך וועל איך שוין זעלבסט קענען קוקען ווינדערליכע גע-דאנקען פון דיין תורה. ווייל די ווינדער זענען באמת זעהבאר נאר אונזערע אויגען זענען דורך די עבירות פארשטעלט און מיר זעהן נישט דעם ריכטיגען פשט. און דערובער אז דער פאטער האט גיזעהן דאס ער פארשטעהט נישט צו פארענטפערען די קשיא וועלכע ער האט איהם פארגילייגט האט ער איהם גזאגט אז ער האט פערגעוויס עפיס פוגם גיוועזען אין דורכדעם האט ער זיך פערשטעלט די אויגען פון צו פאר-שטיין דעם ריכטיגען פשט. אין פיעל מאהל איז טאקע נאך דעם אויס-מוסער'ן איהם און נאכדעם ווי ער האט זיך גוט אויסגעוויינט אין מהרהר בתשובה גיוועזען. האט מען איהם טאקע פערשאהנט זיין שכל אין ער האט דערנאך פארענטפערט אזעליכע גאונישע תירוצים דאס זיין פאטער זעלבסט האט זיך דרויף פערווינדערט און אויף איהם געלייענט דעם פסוק. הזורעים בדמעה. די וואס זייען מיט טרערען. ברנה יקצורו. זענען דערפאר זוכה צו שניידען מיט פרייד און געזאנג. און דערובער האטש פיעל מאהל האט דאס פאטערליכע הארץ געבלוטיגט אויף דעם צער פון זיין פיעל געליעבט קינד האט ער דאך זיין הארץ גמאכט הארט ווי אפעלזען נישט אבצושטייען פון דעם פרוהער דערמאנטען מנהג:

אין ווי זיין פאטער האט גיזעהן אז דאס טייערע קינד האט שוין אטיעפע ידיעה אין פערשטאנד האט ער איהם אריין גיגעבען אין דעם בית המדרש פון דעם באוואוסטען גרויסען גאון רבי זלמן חסיד זכרונם לברכה און ער איז שוין אלעס זעקס יעהריג קינד פאר רעכינט געווארען צווישען די גרעסטע תלמודים פון בית מדרש וועלכע זענען גיוועזען בעשמט אין דער גאנצער שטאדט פאר גרויסע לומדים אין פיהל עלטער ווי דער חתם סופר. אין ווען ער האט דארט גילערענט צווישען אזעלכע לייידען אין חכמת התורה מיט וועלכע ער האט געהאט דאס ארט יך.

זיך אויס צו שמועסן און לערנען איז זיין געדאנק טאקע פיהל אויס- געפינערט געווארען אין במשך דעם יאהר האט ער אדורך גילערענט עטליכע מסכתות וועלכע ער האט זיי גילערנט ווערטליך בעל פה אין פיהל און זיי אויפגעטהון. די לעצטע מסכת פון דעם יאהר האט ער גילערינט מסכת ביצה אין ער האט געזאגט אגרויסען פלפול מיט אהדרן צו מאכען א המשך דעם אנהייב מסכת צו דעם סוף ווי דער שטייגער איז צווישען די לומדים בעלי פלפול. די אלע וועלכע האבען גיהערט דעם פלפול פון דעם זיבען יעהריגען יונגעל זענען פשוט ענטציקט געווארען פאר דעם לאגישען געדאנק פון עילויישען קינד. אין איינמאהל ווען לערך זיבציג יאהר שפעטער דער חתם סופר האט גילערנט מיט זיין ישיבה וועלכע איז מפורסם גיוועזען אין דער וועלט פאר גאוני ארץ מסכת ביצה אין ביים מסיים זיין די מסכת האט ער פאר די ישיבה לייט געזאגט דעם הדרן פלפולי האבען זיי זיך דרויף שטארק פארווינדערט אין מפלפל גיוועזען דרונען. האט זיי דער חתם סופר הערשט דערציילט אז דאס האט ער נאך מחדש גיוועזען אלעס ער איז אלט גיוועזען זיבען יאהר. זענען זי נתפעל געווארען דערפון. ווענדענדיג צו ר׳ זלמן חסיד דאס ער זאל אריין נעמען דאס ווינדערבארע קינד אין זיין פאטער ר׳ שמואל סופר איז נישט דערמיט אויסענגיוועזען צו פערגרינגערין פון זיך דעם עול דאס ער זאל זיך נישט דארפען אב געבען מיט איהם צו לערנען גאר כדי ער זאל דארטען מצהר קונה שלימות זיין דורך די גוטע חבירים אזוי ווי אונזערע הייליגע חכמים זכרונם לברכה לערנען אונז און מסכת אבות דאס איינס פון די אכט און פערציג זאכען וואס די תורה ווערט דערמיט נקנה איז בדיבוק חבירים צו באהעפטען זיך מיט גוטע חבירים. דורך וועלכען עס ווערט אבגילערנט אין חבר פון דעם צווייטען גוטע מדות אין מען דערגרייכט אויך פארטשריט און לערנען דורך דעם אדורך שמועסען מיט אנדערע לומדים וועלכעס יעדען איינער איז זיך משתדל זיין חבר צו שטעלען אויף דעם ריכטיגען וועג און לערנען. אבער ער האט זיינע לימודים אויך נישט איינגאנצען אוועק געלייגט. און ווען דאס קינד איז אהיים געקומען פון בית מדרש פלעגט ער זיך נעמען מיט איהם צו לערנען דאס רוב זיינע לימודים זענען גיוועזען אין דעם סדר קדשים. אין דערובער ווען ער איז אלט געווארען אכט יאהר האט ער שוין געהאט אגרויסע ידיעה אין דעם סדר קדשים וועלכעס איז דאמאלסט גיוועזען זייער שווער צו לערנען דורך די פיהל דרוק פעהלערען אין גמרא רש״י ותוספות וואס האבען זיך אממייסטען געפינען אין דעם סדר

ווייל

ווייל דאָס איז נישט גילערנט געוואָרען דאַמאָלסט פון דעם רוב לומדים וועלכע האָבען זיך מעהרסטענטייל אָב גיגעבען מיט לימוד פון די אַנדערע סדרים אונ מען האָט געמוזט לערנען גריפלעך צו וויסען הלכה למעשה אָבער דער סדר קדשים וועלכעס איז בעונותינו הרבים אהלכתא למשיחא האָבען דאַמאָלסט די גרויסע לומדים ווייניג וואָס גילערנט אָבער רבי שמואל סופר האָט אויך דעם ספר קדשים גרינטליך גילערנט מיט זיין עילויש קינד דעם שפעטערדיגען חתם סופר.

איינמאָהל איז אָנגעקומען אַגרויסער גאון קיין פראַנקפורט דמיין דער מחבר פון דעם ווינדערבאַרען פירוש אויף גאַנץ תלמוד ירושלמי מיט׳ן נאָמען פני משה. און אַזוי ווי רבי שמואל סופר פלעגט מיט זיין ווינדערבאַרען קינד גייען צו אַלע אָנגעקומענע לומדים צו בעטען פאַר איהם זייער ברכה. ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס אָנקומען און זייער שטאָט אַריין פון אַזוי אַוועלט׳ס גאון האָט ער תיכף גענומען זיין אַכט יעהריגען בחור און איז מיט איהם אַרובער געגאַנגען אויף דעם גרויסען גאונ׳סטאַציע. אַריינקומענדיג האָט ער שוין דאָרטען געטראָפען פיהל פראַנקפורטער לומדים וועלכע האָבען געשמיעסט מיט דעם גרויסען גאון אין לערנען. די לומדים דערזעהנדיג דאָס ווינדבאַרע אַכט יעהריגע בחור׳ל וועלכער האָט דאָה נישט לאַנג ביי זיי אַלע שטאַרק אויסגענומען מיט זיין אייגענעם הדרן וואָס ער האָט געזאָגט ביים סיום פון מסכת ביצה. האָבען זיי איינגערוימט דעם גאון ער זאָל פרובען דאָס קינד אין לערנען ווען ער פערווינדערט בלייבען ער האָט נאָך אַזעלכעס נישט גיזעהן און גיהערט און זיין לעבען. דער גאון וועלכער האָט נישט גיקענט דאָס קינד האָט גיטראַכט פאַר געננוג אויפצוגעבען איהם צו ליינען א שווערען בלאַט גמרא מיט תוספות און מפורשים און ער זאָל דאָס זאָגען אין אַשעה אַרום. דאָס קינד איז אַרויס געגאַנגען פון דעם אינערליכען צימער וואָס דער גאון האָט דאָרט געשמיעסט און לערנען מיט די שטאָד׳ט לומדים און פאָרינדיגען צימער אַריין און במשך פון אַהאַלבע שעה איז ער צוריק אַריין געקומען און אָנגעהויבען צו זאָגען פאַר דעם גאון דאָס אויפגיגעבענע ליינען מיט אַזוי אַלאָגישען פערשטאַנד וועלכעס עס צייכענט זיך אויס אַגאַנץ גרויסער גאון אין די עלטערע יאָרען דער גרויסער גאון איז אַזוי דערפון נתפעל גיוואָרען דאָס ער האָט פשוט נישט געגלייבט אַז דאָס האָט דאָס קינד זעלבסט געמאַכט אַזוי אַליינען. נאָר ער האָט חושד גיוועזען זיין פאָטער רבי שמואל סופר וועלכער איז גיוועזען פון די אָנגיזעהנע לומדים אין פראַנקפורט אַז ער האָט דאָס ליינען

מיין

מיט זיין זוהן אדורך גילערנט. און צו ליב דעם האט ער דעם קינד אויפגיגעבען אצוויטע לייבען אין סדר קדשים אשווערע סוגיא מיט תוספות אין איהם געהייסען לערנען אין דעם צימער אין געגענוואַרט. אבער ווי פערווינדערט איז דער גאון געבליבען הערענדיג דאָס צווייטע לייענען וועלכעס ער האָט נאָך שנעלער געמאַכט ווי דאָס ערשטע און גרינטליך ערקלערט גלייך ווי ער וואָלט גילערנט דאָס גרינגסטע שטיקעל גמרא. דער גרויסער גאון האָט פשוט זיינע אייגענע אויגען נישט גיגלייבט אַז אַן אַכט יעהריג יונגעל זאָל אַזוי אַ זעלטינעם פערשטאַנד האָבען. און ווי ער האָט מיט איהם געשמיעסט אין אַנדערע שטעלען אין הלכה און אין הגדה אין ער האָט גיזעהן אַז אויך די ספרי מוסר זענען ביי דעם קינד אהנגעקריצט גוט און זכרון אין ער איז נישט בלויז אַגרויסער עילוי נאָר אויך אַגרויסער ירא שמים. האָט ער פאָרגעלייגט זיין פאָטער אַז ער זאָל איהם מיט געבען דאָס ווינדערבאַרע קינד קיין ארץ ישראל ווי ער פאָרט זיך דאָרט באַזעצען אין ער וועט מיט איהם דאָרט לערנען אין אויסהאַלטען מיט אַלע באַדערפעניסען גלייך ווי זיין אייגען קינד. רבי שמואל סופר וועלכער האָט פערשטאַנען אָב צו שאַצען דאָס גרויסקייט פון דעם גרויסען גאון דער פני משה האָט זייער גערען דרויף איינגעשטומט נאָר באופן אַז ער וועט פרעגען פרוהער זיין פרוי די מוטער פון דעם זעלטענעם קינד און אויב זי וועט אויך איינשטומען וועט ער איהם דאָס קינד מיט געבען קיין ארץ ישראל. אָבער זיין מוטער האָט זיך נישט געקאָנט ענטשליסען אָבצושיידען פון איהר געליבט קינד אין דער גאון האָט געמוזט רעזיגנירען פון זיין פלאַן מיט צו נעמען דאָס קינד מאַכען דערפון אספרדישען גאון:

דער פאָטער האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש ווייל ער האָט פערשטאַנען ווי גרויס דער תכלית פון זיין קינד וואָלט גיוועזען ווען ער זאָל גיוועזען מיט פאָהרען מיט דעם גאון פני משה קיין ארץ ישראל און ביי איהם דאָרט לערנען. אָבער ער האָט זיך נישט געוואַגט אַקייגען צו שטעלען זיין פרוי וועלכער ער האָט צו גירעכינט די פיעל יראת שמים פון דעם קינד ווייל זי האָט איהם פון קינדוואַס אָהן געהיטען אַז ער זאָל זיין אַגרויסער ירא שמים. נאָר פאַר גרויס עגמת נפש האָט ער זיך נישט גיקענט איינהאַלטען און איז אַרובער געגאַנגען צו זיין פריינד דעם גרויסען גאון רבי נתן אדלער און איהם דערציילט זיין עגמת נפש. דער גאון האָט איהם געטרייסט און צו גזאָגט דאָס ער וועט איהם אַריין נעמען צו זיך אין ישיבה אַריין און ער וועט זעהן דאָס ער

ער זאָל מיט דער צייט אַרויס וואַקסען אַ וועלט'ס גאון לויט ווי זיינע פעאיגקייטען זענען. רבי שמואל סופר האָט איהם זייער געדאַנקט דערפאַר און איז אַהיים געגאַנגען אין באַלד דערציילט זיין פרוי ווי אויף זיין געליבט קינד דאָס דער גרויסער גאון אין מקובל זיין פריינד רבי נתן אדלער האָט איהם באַוויליגט אריין צו נעמען אין זיין ישיבה אריין וועל־כעס גאַנץ גרויסע לומדים און רבנים האָבען נאָך גרויס מוה קוים באַקו־מען דאָס ערלויבעניש אריין צו קומען אין מקובל ר' נתן אדלערס ישיבה. איז דאָך די בשורה פאַר דעם אַכטיעהריגען קינד און זיין ליבע מוטער זעלבסט פערשטענדליך געוועזען אַגרויס גליק און דאָס קינד איז באַלד אין זיין פאָטערס בעגלייטונג געגאַנגען אין דעם גרויסען גאונס ישיבה אַריין ווי רבי נתן אדלער האָט איהם אויפגענומען מיט אויסגי־שטרעקטע אָרעמס און אליין זיך גענומען מיט איהם צו לערנען און צו פפלעגען דאָס יונגענקי ביימעלע וועלכעס לויט דעם אנערקענונג פון די גרעסטע גאונים און צדיקים פון דעם דאַמאָלסטיגען דור וואָס איז אָנגיבריייט צו ווערען אַ גרויסער בוים מיט פיעל צווייגען אונטער וועלכען עס וועלען זיך בעשיצען פיעל פיעל טויזענדער תלמידים. דרום בער איז שוין קיין ווינדער נישט וואָס דאָס קינד איז אַרויס געוואַקסען אַזוי אַ גאון עולם און אַ קדוש עליון ווען ער האָט געהאַט אַזוי אַ גרויסען און אַ הייליגען רבין. אויף וועלכען דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק האָט עדות געזאָגט אַז פון הייליגען בעש"ט צייט אָהן איז נאָך נישט געוועזען אַזוי אַהייליגע נשמה אויף דער וועלט ווי רבי נתן אדלער איז געוועזען. און דאָס האָט געווירקט פאָזיציוו אויפ'ן ווינדערבאַרען תלמיד וועלכער האָט אין זיך אַריינגעזויגען די שפרודעלדיגע וואַסער פון דעם קלאָהרען און הייליגען תורה קוואַל און ער האָט זיי פערפיעלפאַכט און אויסגעפיינערט דער נאָך אַרויס גיגעבען צו זיינע נאָכפאָלגער:

דאַמאָלסט איז אין רבי נתן אדלער'ס ישיבה געוועזען אַמנהג דאָס יעדען שבת האָט איינער פון די בחורים געמוזט זאָגען אדרוש פאַר דעם פערזאַמעלטען עולם און דערביי חוץ דאָס איבער זאָגען דיא אַלע חידושים פון זיין רבין ר' נתן אדלער האָט ער אויף גע־דאַרפען פאָרצולייגן פאַר די לומדים זיינע אייגענע אויפטיען וואָס ער האָט דורך דער צייט מחדש געוועזען און ווי עס איז געקומען די צייט אַז דער בחור משה זאָל האַלטען אַ דרשה פאַר דעם עולם וועלכער איז בעשטאַנען פון די גרעסטע לומדים פון דער שטאָדט פראַנקפורט און דער בחור איז דאַמאָלסט סך הכל אַלט געוועזען צעהן יאָהר האָט ער

געזאגט

געזאגט א דרשה פון וועלכער אלע צוהערער זענען פשוט נבהל ונשתומם געווארען דאס אפילו די עלטערע בחורים און יונגע לייט וועלכע זענען גיוועזען לומדים מופלגים און דערנאך באוויסט געווארען צווישען די וועלט'ס גאונים האבען זיך פארווינדערט אויף זיינע טיעפע ערקלע-רונגען און דאס אלעס האט ערקלערט אזוי לאגיש און מיט אזעלכע פעסטע ראיות דאס עס האט קיינער אפילו נישט געהאט וואס אבצו ווענדען אדער זיך מפלפל צו זיין אין זיינע רייד אבער דאה איז גישעהן אנאויסער גיוועהנליכער פאל וועלכעס האט פארלייפיג דעם עולם צו שטערט דעם תענוג רוחני וואס זיי האבען געהאט פון דעם גאונישען צעהן יעהריגען יונגעלס דרשה. און בעמליך אין מיטען זיין דרשה האט ער דערמאנט א קשיא פון עלטער זיידען דער בעוואסטער גאון רבי שמואל שאטאן הכהן זכרונו לברכה אדער ווי ער ווערט גערופען אין דער לומדישער וועלט מיט'ן נאמען מהרשש"ר די גרויסע לומדים האבען זיך בעווינדערט אויף דער גאנצער קשיא געפרובט צו זיכען אויף איהר א תירוץ אבער נאך זייער גרינטליך בעקענען זיך מיט די יסודות אויף וועלכע די קשיא איז געבויט געווארען האבען זיי געמוזט ערקלערען דאס זיי האבען נישט די זכיה צו פערענטפערין די הארבע קשיא און זיי וואלטען געוואלט הערען א ריכטיגען תירוץ אויף דער קשיא. דער צעהן יעהריגער דרשן וועלכער איז אביסעל אויפגערוימט געווארען דורך דעם געפינען אריכטיגען תירוץ אויף דער הארבער קשיא פון זיין גאונישען זיידען. האט ער זיך אויסגעדריקט צו שארף און נעמליך אז ער בעט איבער דעם זיידענס כבוד דאס ער האט געהאט מיט זיין קשיא אגרויסען טעות. ווי נאר די ווערטער זענען ארויס געגאנגען פון דעם יונגען דרשנ'ס מויהל האט דאס זיין פאטער ארויס גערופען פון זיין גלייכגעוויכט און ער איז צו איהם צו געגאנגען בפני קהל ועדה און איהם דערלאנגט צוויי פייערדיגע פעטש זאגענדיג א העזה דאס איז פון אזוי א יונג יונגעל וועלכער האט נאך די מינדעסטע הבנה נישט אין לערנען ער זאל זיך אויסדריקען מיט גרינגשעצונג אנטקעגען אזוי א גאון עולם ווי מיין זיידע מהרש"ש איז גיוועזען. דאס קינד באקומענדיג איבער דער באק איז שטארק פצרשעמט געווארען אין איז תיכף אראב פון דער בימה און זיך אויס בעהאלטען ערגיץ אין אווינקעל פאר גרויס בושה און געוויסענביסען וואס ער האט זיך טאקע אזוי נישט ארענטליך אויסגעדריקט ער איז דאך פארט אמינדער יעהריג קינד און טאמער הייבט זיך זיין תירוץ גאר נישט אהן. עס האט איהם דאך קיינער נאך

נישט

נישט מסכים. געווען אַז זיין תירוץ איז אַריכטיגער. ווי אזוי איז דאָס אפשר אַפּחיתות הכבוד פאַר זיין פאָטער צו זאָגען איהם און די אויגען אַריין אויף זיין זיידען וועלכער איז זיין גאַנצער יחוס אין כבוד דאָס ער האָט געהאַט אַטעות אַזעליכען וואָס אַ צעהן יעהריג יונגעל פערשטייט איהם. דער עולם איז זיך זייער נישט געוועזען צו גאַנגען פון דעם בית מדרש אין אַלע האָבען פאַרגעהאַלטען רבי שמואל׳ן פאַר זיין אומבאַרעכטיגטען שריט וואָס ער האָט זיין טייערען זוהן מבייש געווען ברבים אין דורך דעם גורם געווען דאָס דער עולם זאָל היזק האָבען אַ תירוץ אויף דער האַרבער קשיא פון דעם מהרש״ם. אַזוי זענען אַלע געווען איבערצייגט אַז ער וואָלט געווען ריכטיג פערענטפערט די האַרבע קשיא ביי וועלכען זיי האָבען זיך אַלע אַזוי שטאַרק געמאַטערט אין קיין שום תירוץ נישט געפינען. באַלד איז די זאַך אויך באַוויסט געוואָרען צו זיין רבין רבי נתן אַדלער. וועלכען די תלמידים פלעגען צוריק קומען פון דער דרשה פלעגט ער זיי צו הייסען איבער זאָגען די נייע אויפטיעכצען וואָס דער בחור דער דרשן האָט אויפגעטיצן. אין ווי זיי האָבען איהם דערציילט פון דעם אינצידענט וואָס איז דעם שבת ביי דער דרשה פאָרגעקומען צו וישען דעם פאָטער רבי שמואל סופר און זיין זוהן דער דרשן ר׳ משה. האָט רבי נתן אַדלער שטאַרק פאַראיבעל געהאַט אויף רבי שמואל׳ן אין ער האָט געשיקט נאָך דעם בחור ר׳ משה סופר אין איהם גיט אויסגעמוסרט פערוואָס ער האָט נישט געהיטען זיין צונג אויס צו דריקען זיך מיט גרינגשעצונג לגבי זיין גאונישען זיידען. אין בפרט נאָך אין זיין פאָטערס געגענוואַרט. אין דערנאָך ווי דער בחור האָט איהם צו געזאָגט אַז ער וועט שוין פון היינט מאָהל אָהן היטען זיין צונג אין ער וועט שוין אַזעליכעס פון זיין מויהל נישט אַרויס לאָזען האָט ער איהם געהייסען איבער זאָגען דעם תירוץ וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען אויף דער האַרבער קשיא. אין ווי ער האָט פאַר רבי נתנ׳ען איבער געזאָגט דעם תירוץ איז רבי נתן שטאַרק נתפעל געוואָרען. ער האָט אַליין נישט באַמערקט אַזוי אַגענאַלען איינפאַל אין ער האָט גרויס פערדראָס געהאַט אויף רבי שמואל׳ן וואָס ער האָט איהם מבייש געווען. אין ער האָט מורא געהאַט דאָס אויב זיין פאָטער וועט זיך מיט איהם אזוי שטרענג באַגייען קען ער נאָך אָנווערען דאָס חשקות פון לערנען דעריבער האָט ער אויף איהם גוזר געווען בגזירת כיבוד הרב אַז ער זאָל שוין פון היינט אָהן כל זמן ער וועט איהם נישט צוריק מתיר זיין אָדער ער וועט שוין נישט לערנען ביי איהם נישט רעדען מיט זיין

פאַטער

פאָטער. דאָס קינד האָט געהאַט אַפילו שטאַרק עגמת נפש פון דער גזירה ווייל ער האָט דאָך זיין פאָטער ליעב געהאַט אהבת נפש. נאָר וואָס האָט ער געזאָלט טהון אַז זיין רבי האָט אויף איהם גוזר געוועזען. איז ער אַהיים געקומען זייער פערטרויערט אין ער האָט זיין מוטער דערציילט אין זיין פאָטער׳ס געגענוואַרט וואָס דער רבי האָט אויף איהם גוזר געוועזען. און דערביי זיך שטאַרק צו וויינט. דער פאָטער וועלכער איז אויסער זיין גרויס גאונות אויך געוועזען א צדיק תמים. האָט זיך אויך צו וויינט. אין נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַרוהיגט אין זיין פרוי האָט איהר געליעבטען משה׳לע געטרייסט דאָס זיין פאָטער וועט אַריבער גייען צום רבין אין ביי איהם אויס פויעלען אויף זיין שטרענגער גזירה. האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי אַז אַזוי ווי ער אַנערקענט דאָס זיין רבי ר׳ נתן איז נישט מיט דער גזירה אויסען געוועזען צו מאַכען אַנעונש זיין זוהן נאָהר איהם פאַר וואָס ער האָט זיין זוהן מבייש געוועזען ברבים דערובער איז ער אויף זיך מקבל דעם עונש באהבה אין ער וועט זיך נישט משתדל זיין איהם מתיר צו זיין. פון דאַמאָלסט אָהן האָט דער טאַטע מיט׳ן זוהן קיין וואָרט נישט גירעט. אָבוואָהל ער האָט איין איהם נוהג כבוד געוועזען אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין אָבער גירעט האָבען זיי נישט. רבי נתן אַדלער האָט באַמערקט אַז דורך דעם איז די טאָגע פון זיין געליבטען תלמוד אונטערטרעגליך האָט ער איהם פערבעטען צו זיך אויף עסען אין שלאָפען ווי אויך בכלל אַלע הצטרכות גלייך ווי אַן אייגען קינד!

און דעם יאָהר תקל״ט ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר איז פאָהר געקומען אַנ׳ערשטערליכע געשיכטע אין נעמליך.
אין דער צייט ווען דער גרויסער גאון אין מקובל רבי נתן אַדלער איז גיזעסען אויף דעם גאָרען שטיבעל אין גילערנט מיט זיין געליבטען תלמוד דעם שפעטער וועלט בערימטען חתם סופר אין אינטען אין דעם טויער זענען גישטאַנען אַיונג פאָר׳ל חתן כלה אין האָבען געלאַכט אין נישט אַנשטענדיגע זיך אויפגעפיהרט. די גילעכטערען זענען אַזוי הויך געוועזען דאָס זיי האָבען גישטערט דעם גאון דאָס לערנען און האָבען צו מישט זייגע הייליגע געדאַנקען. האָט רבי נתן אַדלער אַראָב געשיקט זיין געליעבטען תלמיד ער זאָל זיי זאָגען דאָס עס איז נישט ערלויבט על פי דין דאָס חתן כלה זאָלען האָבען צווישען זיך אַזוי אַנ׳התקרבות אין אויך איז עס גלאַט אַזוי נישט אַנשטענדיג אין דער גאַס זיך אַוועק צו שטעלען אַבחור מיט אַבתולה אין לאַכען אויפ׳ן קול. זיי האָבען

גענוג

געגוג צימערען ביי זייערע עלטערען אויב זיי ווילען זיך אויסשמיעסען, זיי זענען גיוועזען די קינדער פון די גרעססטע פראַנקפורטער גבירים. דער בחור איז אַראָב געגאַנגען און עד האָט זיי געזאָגט אַזוי ווי זיין רבי האָט איהם געהייסען. אָבער די צוויי רייכע קינדער האָבען פון איהם אויסגעלאַכט און אפילו נישט געוואָלט איהם ענטפערען איז ער צוריק געקומען צו זיין רבי'ן און איהם גיענטפערט אַז זיי ווילען גאָר נישט הערען זיינע רייד. און ווי זענען נאָך אַזוי פרעלעך גיוואָרען דאָס צו להכעיס האָבען זיי געמאַכט נאָך גרעסערע גילעכטערין אַז עס איז ממש נישט מיגליך גיוועזען צו לערנען ברעיון. האָט רבי נתן אַדלער גהייסען זיין תלמוד נאָך אַמאָהל אַראָב גייען און זיי בעטען מיט גיטען. דאָס זיי זאָלען אַוועק גייען פון זיין הויז אויב נישט וועלען זיי האָבען אַביטערען סוף. דער בחור איז אַראָב געגאַנגען און האָט זיי נאָך אַמאָהל מתרה גיוועזען און זיין רבינס נאָמען דאָס זיי זאָלען פון דאָרט אַוועק גייען מיט גיטען און אויב נישט וועט זיי דערפון קיין גוטעס נישט אַרויס קומען. אָבער דער חתן וועלכער איז גיוועזען זייער אַ בור ריק און דערצו נאָך אַגביר'ש קינד וועלכעס דער שטאָלץ זיינער האָט נישט געוויסט פון קיין שום דרך ארץ פאַר אַזוי אַ הייליגען מאַן ווי רבי נתן אַדלער. האָט ער דאָס מאָהל שוין דעם שליח גיענטפערט אַקלאָהרע תשובה דאָס אויב ער וועט קומען נאָך אַמאָהל מיט אַ שליחות פון זיין רבין וועט ער איהם שוין בעצאָלען גיט שליחות געלט איבער די באַקען. דער בחור איז אַרויס-געגאַנגען צו זיין רבין מיט דער קלאָרע תשובה. האָט דאָס רבי נתנ'ן גיט פערדראָסען און ער האָט איהם נאָך אַמאָהל אַראָב געשיקט דאָס זיי זאָלען שוין אַוועק גיין פון זיין הויז. דער געטרייער תלמיד אַבוואָהל ער האָט געוויכט וואָס עס ערוואַרט איהם האָט ער דאָך תיכף געטיען זיין ליבען רבי'נס שליחות. אָבער נאָך געכער ער איז אַראָב געקומען און איידער נאָך ער האָט אָנגעהויבען עפיס צו ריידען איז דער לאָבוזעוואַטער חתן צו איהם צו געלאָפען און איהם דערלאַנגט צוויי פייערדיגע פעטש פון וועליכען עס איז איהם געפלויגען פונקען פון אונטער די אויגען. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין רבי'ן אַפערוויינטער. דער רבי האָט איהם גיפרעגט וואָס ער איז פערוויינט. האָט ער גיענטפערט אַז דער חתן האָט וואָרט געהאַלטען און האָט איהם גיגעבען שליחות געלט צוויי פייערדיגע פעטש פון וועלכען זיין פנים פלאַמט נאָך. רבי נתן אַדלער האָט די זאַך זייער פערדראָסען און ער האָט געהייסען זיין געליעבטען תלמוד משה סופר נעמען אַ שופר און זיי מחרים זיין. דער קליינער משה האָט געטיען זיין רבי'נס

באפעהל

באַפֿעהל און געבלאָזען תקיעה שברים תרועה. דאָס פֿייער האָט אויפגי-
פלאַקערט און די חתן כלה זענען תיכף אַוועק געלאָפען זייער איבער
געשראָקען גלייך ווי עפיס אַ בייזער גייסט יאָגט זיי און פֿון גרויס שרעק
אַזוי ווי זיי זענען געקומען איבער דער שוועל פֿון זייערע עלטערינס
באַוואָהנונגען זענען זיי געפאַלען אין אָהנמאַכט איידער נאָך מען האָט
געבערענגט אַדאָקטער איז שוין ניט געוועזען צו וועמען צו רופען. די אָנקו-
מענדע דאָקטוירים האָבען שוין נישט מעהר געהאַט צו טוען ווי צו
קאָנסטאַטירען דעם טויט:

**אָבער** ווייל די גרויסע פּראָפעסאָרען האָבען אַנערקענט אַז דאָס איז
פאָרגעקומען עפּיס אַנאַויסער גיוועהנליכער פאַל ווייל די טויטע
קערפּערס זענען פיזיש גיוועזען געזונד געבויעט און קיין נאַטירליכע
סיבה האָט נישט גיברענגט זייער טויט. האָבען זייערע עלטערען אָנגהויבען
נאָך צו פאָרשען פונוואַנעט זייערע קינדער זענען דאָס געקומען צו לוי-
פען אַזוי איבער געשראָקען און ווער עס איז דער חייב און זייער
פלוצלינגען טויט באַלד האָט זיך געפונען מענטשען גוטע פריינד וואָרען
גבירים האָבען דאָך פיעל פריינד וועלכע זענען געוואָהר געוואָרען פון
דער גאַנצער מעשה מיט רבי נתן אַדלער און זיין פסק וואָס ער האָט
געמאַכט די צוויי יונגע קינדער פאַר זייער לייכטזיניגקייט. און מען האָט
דאָס אונטער געטראָגען די עלטערען פון די אומגעקומענע חתן כלה
די עלטערען וועלכע זענען געוועזען פון די גרעסטע פראַנקפורטער גבירים
האָט די מעשה זייער גיקרענקט ווייל אַזעלכע דערוואַקסענע קינדער
וואָס עס דאַכט זיך אַז מען האָט שוין דערלעבט אַ נחת פון זיי איז דאָך
אַגרויסער האַרץ ווייטאָג בפרט אַז די עלטערין וועלכע זענען נישט
געוועזען קיין בני תורה האָבען גאָהר נישט אָהגענומען זייערע קינדערס
אויפפיהרונג פאַר אַזוי אַנעולה און געהאַלטען רבי נתנ'ן פאַר אַ פשוטען
פערברעכער און מערדער אין האָבען איהם געוואָלט אָנקלאָגען און
געריכט. די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעקאָכט פון דעם אויסערגיוועהנליכען
פאַל און ווייל די עלטערען זענען גיוועזען גרויסע גבירים וועלכע פיעל
מענטשען האָבען גילעבט פון זייערע גישעפטען אין צו ווילענדיג צו
נישט ווילענדיג האָבען זיי זיך געמוזט שטעלען אויף זייער צד. און
זעלבסט פאַרשטענדליך דאָס אַלע לומדים האָבין זיך פאַרקערט גישטעלט
אויף רבי נתן אַדלער'ס צד אַזוי אַרום האָט זיך אויפגיפלאַקערט אַ שרעק-
ליך מחלוקת אין שטאָט. און ווי גיוועהנליך ביי אַ מחלוקת טשעפּעט דאָך
זיך אויך צו בעלי לשון הרע. און דער עיקר נצחון. וואָס יעדען צד

וויל

וויל אַז דער נצחון זאָל בלייבען אויף זיין זייט האָט פיהל גיפעלט דאָס די זאַך זאָל אַריבער געהן אין געריכט. דער דאַמאָלסדיגער פראַנקפורטער שטאָד׳ס רב דער גרויסער וועלט באַריהמטער וועלט׳ס גאון רבי פנחס הורוויץ זכרונו לברכה. אָדער ווי ער איז באַוואוסט אין דער לומדישער וועלט מיט׳ן נאָמען דער הפלאָה. לויט זיין גאונישען חיבור וועלכעס איז דאָס אַלטעגליכע ברויט פון אַלע נאָר וואָס לערנען כתובות. אָדער המקנה. אויף מסכת קידושין. האָט איינגיזעהן עס קען דערפון אַרויס קומען אַגרויסער חילול השם אין פיליכט נאָך חלילה אַנ׳אומגליק פאַר ביידע צדדים וואָרען אויב די גבירים וועלען רבי נתן אדלער פערקלאָגען אין געריכט אין מען וועט איהם עפּיס דערמיט שטערען פון זיין הייליגע לימודים וועט מען פון הימעל זיך מיט זיי אב רעכינען. דעריבער האָט ער איינגיזעהן אַז עס איז נישטא קיין אַנדערע עצה ווי רבי נתן אדלער זאָל אויף זיך מקבל זיין אַנ׳עונש. אין דערובער האָט ער אויסגעקליבען פיהראונצוואָנציג גרויסע תלמידי חכמים אין זיי אַריבער געשיקט צו רבי נתן אַדלער ער זאָל אויף זיך מקבל נידוי זיין. רבי נתן אָבער וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר פאַלקאָם בערעכטיגט אין זיין טהאָט האָט נישט געוואָלט דערמיט אַרויס ווייזען אַז ער איז דער אומגירעכטער רעכענדיג דאָס פאַר אַחילול השם. האָט איהם דער רב רבי פנחס הורוויץ נאָך אַמאהל געשיקט זאגען אַז ער מיינט נאָר פאַר זיין טובה וועגען כדי איינצושטילען דאָס מחלוקת וועלכעס פלאַקערט זייער אין שטאָדט. אין ווייטער וועגען זיין מורא פאַר אַחילול השם מעג ער זיכער זיין דאָס אַלע זענען איבערצייגט אין זיין גירעכטיגקייט נאָר ווייל די גבירים האָבען פיהל אנהענגער וועלכע זענען בעגייט מיט זיי צו האַלטען דורך זייער עקאָנאָמישער אָבהעניגקייט פלאַקערט זיך דאָס מחלוקת אין ווען רבי נתן וועט אויף זיך מקבל פסק זיין וועלען אַלע דערמיט בערוהיגען זיך. האָט איהם רבי נתן געפאָלגט אין האָט אויף זיך מקבל נידוי גיוועזען אויף זעקס וואָכען. נאָך די זעקס וואָכען ווען די פיהר אונצוואָנציג תלמידי חכמים זענען געקומען צו איהם מתיר צו זיין צוריק אין נידוי. האָט ער זיי אויפגיהאַלטען אין פאַר זיי געלייענט די זעקס סדריות וועלכע ער האָט נישט גיהערט ליינען ליגענדיג אין נידוי ר״ל פון זיין ספר תורה.

אין דאָס מחלוקת איז שטיל געוואָהרען:

אין דער זעלבער צייט איז געקומען דער גרויסער אין וועלט באַריהמטער גאון רבי יודא ליסאַ׳ר קיין פראַנקפורט דמיין כדי צו דריקען דאָרט זיין טאַלאַנטפולען חיבור מראה כהן וואָס ענטהאַלט אין זיך גרינטליך

אַלע

אלע עניני טומאה וטהרה וועלכע זענען נוהג בזמן הזה. אָבער ווי ער
האָט זיך בעקאַנט מיט רבי נתן אדלער אין זיין גרינטליכע ידיעה אין
די הלכות האָט ער איהם פיהל פון זיינע ספיקות פותר געווען איז איהם
איינגעפאַלען צו בעטען דעם גרויסען גאון רבי נתן אַדלער ער זאָל איהם
געבען איינעם פון זיינע אויסגעצייכינטע תלמידים ער זאָל אַדורך קיקען
זיין חיבור מראה כהן איידער ער וועט עס אַריין געבען צום דריקען אין
וועלכעס עס וועט איהם נישט געפעלען זאָל ער איהם ווייזען אפשר וועט
ער עפיס קענען אַנדערשט מאַכען איידער עס וועט געדריקט ווערען. רבי
נתן אַדלער האָט איהם דאָס צו געזאָגט אין ווען דער קלייגער משה איז
געקומען פון ישיבה האָט איהם זיין רבי רבי נתן אַוועק געשיקט
צו דעם גאון רבי יודא ליסא'ר ער זאָל אַדורך קיקען דאָס כתב יד פון
זיין ספר מראה כהן. ווי ער איז אַריין געקומען האָט איהם דער מראה
כהן געפרעגט וואָס ער פערלאַנגט. האָט דער בחור משה איהם געזאָגט
דאָס ער איז געקומען אַדורך קיקען דאָס כתב יד פון זיין ספר מראה כהן. דעם
גאון האָט די זאַך זייער פערדראָסען ווייל דער חתם סופר איז געוועזען
בידריג האָט ער זיך אויסגעוויזען פאַר נאָך יונגער ווי ער איז פאַקטיש
געוועזען. אין דערזבער האָט דער גאון געמיינט אַז רבי נתן האָט פון
איהם געמאַכט אַשפּאַס האָט ער דעם בחור משה אַהיים געשיקט אין ער איז
איהם נאָך געגאַנגען ביז זיי זענען געקומען צו רבי נתנ'ן. דער גאון
בעל מראה כהן האָט רבי נתן אַפערגעהאַלטען פערוואָס ער מאַכט איהם
אַזוי צו נאַר שיקענדיג צו איונגעלע וועלכער דאַרף נאָך פער געוויסט
לערנען אין אַ חדר. רבי נתן האָט איהם אָבער פערזיכערט אַז דער
קלייגער תלמוד וועט איהם. פיהל נוצען ברענגען מעהר ווי אַנדערע
גרויסע ווייל ער איז אַגרויסער בעל הבנה זיין האַרץ איז ווי אַלייס
גרינטליך יעדען זאַך צו פערשטעהן אין נאָר ווען ער וועט עס אַדורך
קיקען קענסט די זיכער זיין אז עס וועט זיך דרונען קיין שום טעותים
נישט געפינען. האָט איהם דער בעל מראה כהן געפאָלגט אין מיט זיך
צוריק גענומען דעם בחור משה ער האָט איהם איבער געגעבען די
כתבים פון זיין ספר מראה כהן אין דער בחור האָט גרינטליך אדורך
גילערנט דאָס ספר אין ווי ער האָט פערשטאַנען אַז מען דאַרף צו פערריכטין
האָט ער געוויזען דעם גאון דעם בעל המחבר אין פיהל ערטער האָט ער
איהם טאַקע אויפגעוויזען אַזעלכע טעותים וואָס דער גאון האָט איהם
געמוזט מודה זיין אַז ער האָט דאָה געהאַט אַ טעות אין ער האָט חרטה
געהאַט אין אויס גימעקט די דאָזיקע זאַכען פון זיין חיבור נאָכדעם ווי ער
האָט

האָט גרינטליך אדורך גיזעהן דאָס גאַנצע חיבור האָט דער גרויסער גאון דער בעל המחבר איהם זייער געדאַנקט אין אויף זיין רבין גיגעבען א ישר כח. אין פון דאמלסט אָהן האָט זיך דער בחור געווידמעט אסאך דאָס נאָך פאָרשונג פון די דינים פון טומאה וטהרה. אין נאָך בחור ווייז האָט ער געהאַט א ידיעה אין הלכות טומאה וטהרה אַזוי ווי אייגער פון די גרעסטע גאונים:

אין אָבוואָהל דאָס רבי נתן אדלער איז גיוועזען אשפרודעלדיגער קוואל אין זיין רבי מובהק. פונדעסטוועגען וויסענדיג דאָס גרויסע גאונות פון דעם שטאָדט׳ס רב הרב הגאון. הגדול רבי פנחס הורוויץ. אין פון דאַמאָלט אָהן וואָס זיין רבי רבי נתן אדלער האָט אויף איהם גוזר גיוועזען דאָס ער זאָל נישט ריידען מיט זיין פאָטער רבי שמואל סופר. אַזוי ווי מיר האָבען שוין פרוהער באַשריבען האָט ער דאָך געהאַט די צייט וואָס ער פלעגט פרוהער צו לערנען ביי זיין פאָטער. האָט ער די צייט אויסגענוצט אום צו באַקענען זיך מיט דעם סדר הלימוד פון דעם גאון בעל הפלאה והמקנה רבי פנחס הורוויץ. דער גאון האָט איהם זייער שטאַרק מקרב גיוועזען אין ער איז גירעכינט געוואָרען צווישען זיינע גרעסטע אין בעסטע תלמידים אָדער זיין גרויס בענקשאַפט צו זיין פאָטערס לימודים האָט איהם זייער גיערגערט אין זייענדיג מיט איהם אין איין שטאָדט אין נישט קענען מיט איהם אפילו אַוואָרט ריידען האָט איהם זייער גיקרענקט דערובער האָט ער בעשלאָסען צו פאָרען אין אַ צווייטער שטאָדט לערנען כדי אַזוי אַרום אפשר וועט זיין בענקשאַפט אביסעל שוואַכער ווערען. דאַמאָלסט איז באַשמ׳ט גיוועזען די ישיבה פון דעם גרויסען וועלט׳ס גאון אין תורה אויטאָריטעט רבי מיכל שייער ראָש ישיבה אין דער שטאָדט מאינץ אָדער ווי מען האָט עס פערצייטענס גערופען מגנצא. דער מערקווירדיגער בחור משה סופר האָט זיינע פיהל געליבטע רבי׳ס רבי נתן אדלער און רבי פנחס הורוויץ איבער גיגעבען זיין דאָזיגען באַשלוס אין די סיבות וועלכע האָבען איהם גיבראַנגט אָהנצונעמען אַזוי אַ באַשלוס אַוועק צו פאָהרען פון זיין געבאָרען שטאָדט וועלכע איז דיא נעסט פון פיהל גאונים אין אויף וואָס ער קען ביי זיי לערנען. האָבען זיי איהם דרויף מסכים גיוועזען אין איהם מיט גיגעבען כתבי תעודה וואָס האָבען פאַר איהם גיעפינט דיא דאָזיקע אַלע טויערען פון דער ישיבה. אָבער ער האָט כמעט די בריף נישט געדאַרפען באַנוצען נאָהר ווייל זיין גיטער נאָמען איז גיהערט געוואָרען למרחקים און אַלע האָבען זיך גישעצט גליקליך מיט

עפּיס

צפיס וואָס איהם צו זיין בייהילפיג. אַזוי ווי ער איז געקומען קיין מאינץ
האָט איהם באַלד איינער פון די דאָרטיגע גרעסטע גבירים גענומען צו
זיך אַהיים און האָט איהם אָב גיגעבען אַ שטיב מיט אַלע באַקוועמליכ-
קייטען און פולע שענק ספרים ווי באַקעסטונג גלייך ווי זיינע אייגענע
קינדער. דאָרט האָט ער געהאַט דאָס געלעגענהייט צו לערנען פיעל ספרים
פון די יודישע געלעהרטע אויך אין וועלטליכע קענטעניסען און ער איז
גיזעסען יומם ולילה אין גילערענט מיט גרויס התמדה. אַלע מאינצער
לומדים האָבען שטאַרק באַוואָנדערט זיין הבנה אין זכרון. די מתמידים
ווייטער האָבען באַוואָנדערט זיין התמדה עס האָט כמעט קיינער איהם
נישט באַמערקט שלאָפען ווייל ער איז גיזעסען גאַנצע טעג אין נעכט אין
גילערענט. די ערליכע יודען האָבען זיך געוואָנדערט אויף זיין גרויס יראת
שמים. כתם בעלי בתים אויף זיין גרויס עניוות און תמימות. אַזוי אַרום
איז ער גיוועזען דער ליעבלונג פון אַלע. אין דער אמת'ער ליעבלונג
הערשט פון זיין רבי'ן הגאון רבי מיכל שייער וועלכער האָט איהם ליעב
געהאַט ווי זיין אייגען קינד. אין טראָץ דעם וואָס ער איז נאָך נישט
אַלט גיוועזען קיין גאַנצע פיערצעהן יאָהר, האָט ער איהם געקרוינט מיט
דער קרוין צו ווערען אַ משוחרר. אַ פרייער. דאָס איז גיוועזען אין יענע
צייטען דער גרעסטער כבוד וועלכען אַ בחור האָט גיקענט באַקומען
פון זיין רבי'ן ווען ער איז ראוי גיוועזען דערצו. דער בעדייטונג גייסטליך
איז דערפון געוועזען אַזוי ווי אַ תלמיד האָט דאָך געוויסע פליכטען
געגען זיין רבי'ן ווי צום ביישפיעל. אויפצושטעהן פאַר איהם צו באַדינען
איהם. נישט אָבצולייגען קיין תפילין פאַר איהם. אָבער די חכמים זכרונם
לברכה זאָגען אַז דער רבי האָט רעכט ווען ער זעהט איין אַז דער תלמוד
איז דערוואַקסען צו דער מדריגה ער זאָל איהם מוחל זיין אויף זיין
כבוד. הרב שמחל על כבודו. דער רבי וועלכער האָט מוחל גיוועזען
אויף זיין כבוד. כבודו מחול. איז זיין תלמוד איהם נישט מחייב אָבצו-
טהיילען דעם כבוד. דאָס האָט געהייסען משוחרר אין דעם גייסטיגען
זינען. אָבער אויך דערפון איז דעם דאָזיגען תלמיד'ס עקאָנאָמישע לאַגע
פיעל בעסער געוואָרען ווייל אַ בחור אַ משוחרר האָט געהאַט בעזינדערע
איינקונפטען פון דער יודישער קהילה וועלכע האָט אַלעס פרעמיע געש-
טיצט אַזעלכע בחורים כדי צו פערשטאַרקען דעם לימוד התורה דאָס
אַנדערע בחורים זאָלען זיך אין איהם מתקנא זיין און אויך שטייגען און
לערנען ווי ער. און פון פאַרשידענע לעגאַטען וועלכע גרויסע גבירים
האָבען גישענקט אויף קרן קיימת און פון די פירות זאָל מען בעלוינען

בחורים משוחרים. אזוי איז ער דארט גיוועזען גאנצע צוויי יאהר און ער האט גילערינט תורה אין חכמה מתוך הרחבה און גיוועזען געליעבט פון אלע קלאסען מענטשען. יעדער איינר האט אין איהם געפונען די מעלה וואס ער האט אמיינסטען גישעצט. גאנץ פשוט וייל ער האט אין זיך פעראייניגט אלע מעלות טובות:

אבער חאטשע רבי מיכל שייער איז גיוועזען פון די וועלט בערוהמ-טע אויטאריטעטען. און ער האט איהם ליעב געהאט אזוי ווי זיין אייגען קינד ווי אויך זיין עקאנאמישער מצב איז גיוועזען ווי אמ-בעסטען. איז איהם דאך בעסער גיפעלען דעם סדר הלימוד פון זיינע רבי׳ס רבי נתן אדלער. און רבי פנחס הורוויץ און לסוף צוויי יאהר האט ער זיך צוריק גיקערט קיין פראנקפורט דמיין און זיין געבורט שטאט אריין און צוריק אנגעהויבען צו לערנען פון זיינע פרוהערדיגע רבי׳ס רבי נתן אדלער אין אויך רבי פנחס הורוויטץ. אין אזוי ארום איז ער ארויס געוואקסען צו דער גרויסער מדריגה וואס ער האט דערגרייכט צו זיין און זיין צייט דער מנהיג הדור און דער גייסטיגער שפייזער פון פיעל טויזענדער תלמידים וועלכע זענען דערנאך גיוועזען גאוני ארץ און גייסטיגע פיהרער פון זייער דור. און ווען ער האט אלעס זעכצען יעהריגער בחור דאס ערשטע מאהל אדורך גילערנט גאנץ ש״ס און ער האט גיפרעגט ביי זיין רבי׳ן רבי נתן אדלער מיט וואס ער זאל פייערען זיין ערשטען סיום הש״ס האט איהם זיין רבי געזאגט מיט א הפסקה צו פאסטען דריי טאג נאך אנאנד און נאר ביינאכט עפיס טועם זיין. פונדעסטוועגען האט ער אויף דער עלטער ווען ער פלעגט צו דערמאנען זיין ערשטען סיום הש״ס דערציילט דאס עס איז איהם אויסגעקומען דעם דריטען טאג אביסעל צו שפאצירען מיט זיינע חבירים צווישען די גערטנער אונטער דער שטאט און אזוי גייענדיג האבען זייא זיך פארשמועסט און לערנען און ווען זייא האבען פלוצלינג זיך אומגע-קוקט און באמערקט דאס טינקעלקייט און דרויסען דאס זיי וועלען שוין נישט קענען קומען און שטאדט אריין צו מנחה. האבען זיי זיך גישטעלט צווישען די גערטנער דאווינען. דער חתם סופר האט געהאט א טבע לאנג צו שטעהן שמונה עשרה און ווען די איבריגע בחורים האבען שוין געהאט אבגעדאווינט שמונה עשרה נאר ער אליין איז נאך געשטאנען און גע-דאווינט איז פלוצלונג ארויס אנערל מיט א גראבען שטעקען און האט זיי געוואלט שלאגען. זיי האבען שוין געהאט אב גערדאווינט זענען זיי זיך צו לאפען ווי אייגער האט געקאנט האט ער זיך בעהאלטען. דער חתם סופר אבער וועלכער איז געשטאנען אין גערדאווענט שמונה עשרה האט

דאר

דאך נישט גיקענט און מיטען מפסיק זיין און אנטלויפען איז ער אזוי געשטאנען און געזאגט שמונה עשרה. אבער א ווינדערבארע זאך. דער ערל איז געשטאנען פון דער וויטענס און ער האט נישט געוואגט צו דערנעהנטערען זיך צו דעם מתפלל ער זאל איהם עפיס טהון אזוי איז ער גישטאנען פון דער וויטענס די גאנצע צייט ביז ער האט אב גדאווענט שמונה עשרה. נאך דעם ווי ער האט מסיים גיוועזען די שמונה עשרה און האט זיך אויסגעריקט די דריי טריט צוריק. האט זיך דער ערל צו איהם דערנעהנטערט מיט זיין שטעקען און איהם געוואלט שלאגען. האט איהם דער בחור משה גיגעבען אזוי א שטארקען זעטץ איבער'ן קאפף דאס ער איז אומגעפאלען באגיסענדיג זיך מיט בלוט. זיינע בעהאלטענע חבירים וועלכע האבען גיזעהן זיין גבורה און נצחון איבער דעם ערל זענען צוריק ארויס פון זייערע באהעלטעננישען און זיי זענען צוזאמען א היים געגאנגען אזוי קרעפטיג איז ער גיוועזען נאך א דרייטאגדיגען תענית. איינמאהל האבען איהם זיינע חבירים פאהר גע-האלטען דאס ער בעלומיטשוט אזוי לאנג ביי שמונה עשרה און ער איז איבער דעם ממעט און לערנען ווייל ביי זיין לענגער שטעהן שמונה עשרה האבען זיי אב גילערענט עטליכע סימנים שולחן ערוך. האט ער זיי גיענטפערט אונזערע הייליגע חכמים זכרונו לברכה זאגין אז דער וואס דאווענט לאנג. מאריכון לו ימיו ושנותיו דערלענגערט מען איהם זיינע יאהרען, ווערט מיר השי"ת אב געבען פאר די מינוטען גאנצע יאהרען און איך וועל קענען אב לערנען אסאך סימנים שולחן ערוך:

אין יאהר תקמ"ב איז זיין רבי ר' נתן אדלער אויפגענומען געווארען אלעס רב אין באסקאוויץ. און אין גאנץ מדינת מעהרען. און וויל עס איז זייער וויט פון פראנקפורט דמיין קיין באסקאוויץ. אין בפרט אין דער דאמאלסדיגער צייט ווען פון קיין אייזינבאהן האט מען נאך נישט געוואסט נאר מען האט געדארפען די גאנצע וויטע שטרעקע אדורך פאהרען אויף א וואגען. איז דאס גיוועזין זייער אשווערע נסיעה. און דרובער האט רבי נתן נישט גירעכינט מיט צו נעמען זיין תלמיד דעם בחור משה סופר. אבער זעהט אויס אז פון הימעל איז מען צופרידענער גיוועזען אז די צוויי גרויסע צדיקים זאלען זיך נישט צו שיידען אין דרובער האט השי"ת מזמין גיוועזען א סיבה וועלכע זאל ביידע זעהר באפרי-דיגען. רבי נתן זאל לכתחילה איהם נישט מיט נעמען און דער חתם סופר זאל דאך מיט איהם מיט פאהרען. די סיבה דערצו איז אזוי פארגעקומען ווי גיוועהנליך אז אזוי א מענטש פאהרט אויף אייביג אוועק פון שטאט

קומען

קומען פיעל מענטשען זיך מיט איהם גיזעגינען בפרט נאָך פריינד און בעקאַנטע אָבער ביים גיזעגינען האָט רבי נתן אַדלער יעדין איינעם גיפרעגט וואָס ער פערלאַנגט אויב עס וועט נאָר מיגליך זיין וועט ער איהם די זאַך צו ליעב טהון. האָט יעדען איינער געזאָגט וואָס ער וואָלט געוואָלט און ער האָט זיך משתדל גיוועזען יעדער איינעמ׳ס בקשה ממלא צו זיין. און ווי ער איז צו געקומען צום חתם סופר האָט ער איהם גיפרעגט און די מיין ליעבער תלמיד וואָס פערלאַנגסטו. האָט ער איהם גיענטפערט איך וואָלט גיוואָלט זעהן דעם רבין פון באסקאוויץ. רבי נתן האָט דרויף געשמייכעלט און זיין ליעבען הערצליך תלמוד גיזעגענט. און דער חתם סופר איז זיך אהיים געגאַנגען צוריק צו זיינע עלטערען. פלוצלינג האָט זיך דער חתם סופר דערמאַנט אַז דער של״ה הקדוש זאָגט דאָס מען איז מחויב אויף יעדער וואָס דער מענטש האַלט ביי שפעטער טהון צו זאָגען בלי נדר און דאָה האָט ער געזאָגט דאָס ער וויל זעהן דעם רבין פון באסקאוויץ און נישט געזאָגט בלי נדר. אלזא האָט ער זיך איינגישטעלט דאָס לעבען און האָט זיך געלאָזט לויפען צו פיס ביז ער וועט טרעפין זיין רבין. אָדער נישט וועט ער לויפען ווי אַמשנעלסטען קיין באסקאוויץ. ער איז אַזוי געלאָפען אַגאַנצע טאָג נישט וויסענדיג אַפילו געגנוי דעם וועג. און ווי עס איז טינקעלער געוואָרען האָט ער זיך דאָרט אָבגישטעלט און אַ קרעטשמע איבער צו נעכטיגען אָבער ווי פערווינדערט איז ער געוואָרען הערענדיג צו פאָהרען ביי נאַכט אַ קאָטש און אַז ער איז צו געגאַנגען זעהן ווער דאָרט איז אָנגעקומען האָט ער דערזעהן זיין רבי. רבי נתן אַדלער. רבי נתן האָט זיך אויך פערווינדערט ווי נעמט ער זיך דאָה בפרט נאָך ווען ער האָט גיהערט דאָס ער איז געגאַנגען צו פיס און דער צייט וואָס דער רבי ר׳ נתן איז געפאָהרען און איין הערליכע קאָטש מיט אַפאָר גוטע פערד האָט ער קוים בעוויזען אַ צינד אָנצוקומען אין דער קרעטשמע אַריין בעת זיין תלמיד דער חתם סופר איז צופיס שוין דאָה לאַנג אין דער קרעטשמע. איבער הויפט אַז עס איז דאָך בלתי ספק דאָס ער האָט איהם נישט גיזעהן אויפן גאַנצען וועג ווען ער זאָל איהם גיוועזען זעהן וואָלט ער דאָך פערגעוויס נישט ווייטער געלאָפען צו פיס. אין דערובער איז ביי איהם קיין צווייפעל נישט גיוועזען אַז ער האָט געהאַט קפיצת הדרך. אין אַז מען וויל פון הימעל דאָס זיין תלמיד זאָל מיט איהם זיין צו זאַמען. אויסער דעם האָט ער איינגיזעהן דאָס גרויס ליעבשאַפט פון זיין תלמיד דער חתם סופר אין דעריבער האָט ער איהם מוחל גיוועזען זיין נדר וואָס ער האָט געזאָגט

אַז

אז ער וויל זיך מיט איהם זעהן אין באסקאוויץ נאר ער האט איהם אויפגענומען אויף זיין קאטש אין ער איז מיט איהם מיט געפארען קיין באסקעוויץ ווי ער האט איהם באדינט אזוי ווי אתלמיד זיין רבי'ן :

אין דערנאך ווען ער איז אויסגעוואקסען דער שפעטער וועלט באריהמטער חתם סופר לערענדיג מיט זיינע תלמידים האט ער זיך איינמאהל באריהמט איך בין געוועזען אבעגלייבטער תלמיד צו מיין רבין איך האב פערזייגעט וועגען געהאקט האלץ אין געטראגען וואסער אין דעריבער האב איך זוכה געווען זיין תורת זאל ביי מיר בלייבען. אין צום סוף האט ער צו גיגעבען איך בין געוועזען אנ'אנדערער תלמוד ווי איהר זענט אבער איך האב אויך געהאט אנאנדערען רבי'ן ווי איהר האט. אין איינמאהל האט ער דערציילט אז זיין רבי רבי נתן אדלער איז געפארען ווינטער פון באסקעוויץ קיין פראג דאס איז דאמאלסט געוועזען א מהלך וועגס אין דער פראסט איז גרויס געוועזען ווי אויך אגרויסער שניי. האט רבי נתן געוואלט עפיס עסען אין ער האט נישט געהאט קיין וואסער מיט וואס זיך צו וואשען. האט ער געזאגט צום רבין דאס עס איז איהם קאלט געווארען אין ער וויל אראב גיין פון וואגען זיך איבער לויפען כדי זיך דערווארימען. רבי נתן האט באלד געהייסען אבשטעלען דעם וואגען אין דער חתם סופר איז אראב געגאנגען מיט נעמענדיג מיט זיך די כלי וואס זיין רבי האט זיך מיט איהר געוואשען. רבי נתן אדלער איז געוועזען אגרויסער מדקדק אין די דינים פון דער כלי צום וואשען אין דערובער פלעגט ער זיך מיט צו פיהרען אכלי אינטער וועגענס ער זאל זיך האבען צו וואשען מיט אכשר'ה כלי בלי שום חשש. אין ער האט גענומען אין איין האנד שניי אין דעם שניי צו גערריקט ביז עס איז פון איהם נישט מעהר געבליבען ווי וואסער האט ער עס אריין געגאסען אין דער וואש כלי אזוי איז ער געלאפען אשטיק וועגס ביז ער האט זי דערלאנגט זיין רבי'ן צו וואשען. דערציילענדיג דאס האט ער צו גיגעבען איך בין באמת ווערט געוועזען גערופען צו ווערען א תלמוד פון מיין גרויסען רבי'ן ווייל איך האב פשוט מקיים געוועזען אזוי ווי עס שטייט ביי אלישע הנביא. אשר יצק מים על ידי אליהו. וואס ער האט באדינט זיין רבי'ן אליהו דערמיט וואס ער האט געגאסען וואסער אויף אליהו'ס הענד. אין דער מיט האט ער זוכה געוועזען גערופען צו ווערען אליהו'ס תלמיד. איך האב אויך די זעלבע באדינונג דורך געמאכט ביי מיין רבין. מיט מיינע קליינע הענדליך האב איך צו ריבען דעם שניי אין געמאכט פער מיין רבינ'ס וועגען וואסער ער זאל האבען זיינע הענד

צו וואשען, זייענדיג אין באָסקאָוויץ האָט ער גילערענט זייער פיהל פון זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער. אין בכלל די גאַנצע חכמת הקבלה האָט ער דאָרט פון איהם מקבל גיווען וויא ער שרייבט אַליין אין זיין פנקס פון די קמיעות. אַזוי האָב איך מקבל גיווען פון מיין רבי'ן רבי נתן אדלער זכר צדיק לברכה. אויך האָט ער דאָרט אַדורך גילערנט דעם גאַנצען שולחן ערוך אורח חיים מיט'ן פירוש מגן אַברהם ביי דעם גרויסען גאון רבי שמואל קעללען זצ"ל וועלכער האָט דער נאָך געמאַכט דעם פירוש מחצית השקל אויפ'ן מגן אברהם. דער חתם סופר איז דאָרט זייער באַליבט גיוואָרען אין אַלע האָבען איהם גערופען מיט'ן נאָמען דער בחור פון פראַנקפורט. אין ווערענט אַמחלוקת אויף זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער האָט דאס קריגענדער צר געזאָגט אין ווערטעל דער דייטש דאָס הייסט רבי נתן אַדלער. איז נישט געקימען צו אונז נאָר צוליב דעם אַז דער צווייטער דייטש. דאָס הייסט דער חתם סופר זאָל צו אונז קומען. זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גוטען אמן: